גערענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד!

№ 18

Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • נל פטער יאהרגאנג. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, d. 28 kwietnia 1933 | ליכט-צינדען 6,44 | פרייטאג, פ' תזו"מ ב' אייר תרצ"ג.

Bibljot. Jagellońska
Kraków
św. Anny 19

ערקלערונג.

דערמיט ערקלער איך דער היגער יודישער עפענטליכקייט, אז פון היינטיגען טאג און מיט'ן היינטיגען נומער טרעט איך ארויס פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג" אזוי אלס רעדאקטאר ווי אלס מיט-ארויסגעבער און איך טראג מעהר נישט קיין שום פעראנטווארטליכקייט, נישט פאר דער רעדאקציע און נישט פאר דער אדמיניסטראציע.

ישראל פלאצקער.

צו אונזערע לעזער.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן ארויסטריט פון ה' ישראל פלאצקער פון דער „טשענסטאכאווער צייטונג", דריקען מיר איהם אויס א הארציגען דאנק פאר זיין לאנגיעהריגער אונערמידליכער ארבייט אלס רעדאקטאר פון אונזער צייטונג, און ערקלערען גלייכצייטיג אז די „טשענסטאכאווער צייטונג" וועט ווייטער געפיהרט ווערען אין זעלבען אונאבהענגיגען אביעקטיווען גייסט, מיט וועלכען זי האט זיך אויסגעצייכענט ביז-יעצט.

ב. באטשאן.

אנ'איבערראשונג פאר'ן טשענסטאכאווער פובליקום!

אנ'איבערקעהרעניש אין דער **סאדע-וואסער** און **לעמאניאדע-פראדוקציע**

נאך לאנגע אנשטרענגונגען איז ענדליך אונז געלונגען צו בעקומען די אויסשליסליכע פארטרעטונג אויף טשענסטאכאו און אומגעגענד

צו פאבריצירען דאס ריינע נאטירליכע אנאנאס-געטראנק,

וועלכעס איז צוזאמענגעשטעלט פון פרישע אנאנאסען.

צום ערשטען מאל וועט דאס טשענסט. פובליקום האבען די געלעגענהייט צו טרינקען דאס נאטירליכע אנאנאס-געטראנק. טרינקט דעריבער נאר דעם נאטירליכען אנאנאס-געטראנק, וואס איז אונפערגלייכליך און ביז-איצט נאך נישט געוועז.

מיט אכטונג „URSUS"

ס. פישהאלטער, ווארשאווער №: 21.

אין זאל פון „גראנד-קינא".

אויפטריטען פון בעוואוסטען דראמאטישען ארטיסט

ד"ר פאול בארטאוו

אין זיינע צוויי בעסטע אויספיהרענדע ראלען

היינט, פרייטאג, דעם 28 אפריל אין דער פיעסע **„דוד גאלדער"**

אין 4 אקטען 5 בילדער פון אירענא נעמיראווסקא.

מארגען, שבת, דעם 29 אפריל **„דער בורזשוי"**

טראגי-קאמעדיע אין 3 אקטען פון סעמיאן יושקעוויטש.

עס נעמען אנטייל די אויסגעצייכענטע ארטיסטען:

מענער: ס. אלטבוים, ח. בראקארזש, א. דאמב, מ. דיאמאנט, ה. הארט, א. קורץ.
פרויען: מ. מעלמאן, ל. ראזענבערג, נ. רייכענבערג, א. שליוואקאוויטש.

בילעטען א גאנצען טאג אין דער קאסע פון „גראנד-קינא".

Z intencji zaręczyn współpracowniczki naszej p. MANI SZAJÓWNY z p. MAJEREM KONEM życzy wiele szczęścia i pomyślności.

PERSONEL firmy
M. Rosenstein i L. Bromberg S. A.

דאנקזאגונג.

דערמיט האבען מיר דעם כבוד צו דאנקען דעם פארזיצענדען ה' **ש. ניעמיראווסקי** און אלע מיט-גלידער פון דער פאהן-פייערונג קאמיסיע פאר די איבערגעגעבענע ארבייט לטובת אונזער ארגאניזאציע.

מיר דריקען אויך אויס אונזער הארציגסטען דאנק דער באנקעט-קאמיסיע פאר דער מוסטערהאפטער איינארדנונג פון באנקעט.

מפקדת „ברית תרומפלדור"
בצינסטוחובה.

רינג-קייט פון גמילת חסד, אגראדאווא 20.

ח. לאנעמאן גיט 2 זל. און רופט י. בראנדעס, ד. י. עפשטיין, פ. דימאנט, י. נאפטעלעוויטש.
ש. פשעדבארסקי גיט 2 זל. און רופט ה. פרייערמויער, ש. שטערנבערג, ה. קליינמאן, ח. יאקובאוויטש.
ד. וולאדאווסקי ענטפערט 3 זל.
א. לאסעווסקי ענטפערט 1 זל.
ה. מאנדעל ענטפערט 1 זל. און רופט מ. בייגעלמאן, ה. טרעמבאצקי, ה. בערקאוויטש.
ש. וויינשטאק ענטפערט 3 זל. און רופט א. סטאבניצקי און לענטשיצקי.
י. האפמאן ענטפערט 2 זל. און רופט ה. נארימבערסקי, י. לעווקאוויטש.

יודישע געז. פאר לאנדקענטשאפט אין טשענסטאכאו.

זונטאג, ד. 30 אפריל 1933 קומט פאר אין פייערלעשער זאל, האלב 9 אווענד

א פייערליכע פרץ-אקאדעמיע

מיט דער בעטייליגונג פון בעקאנטען היסטאריקער, קולטור-טוער און גלענצענדער פרעלעגענט

ד"ר ע. רינגעלבלום פון ווארשע

דאס פראגראם ענטהאלט:

1) רעפעראט פון פראפ. א. מייראחיטש
א. ד. ט. „לאנדקענטניש, פאלקס-קענטניש און י. ל. פרץ".
2) אויספיהרליכען רעפעראט פון ד"ר רינגעלבלום
א.ד.ט. „דער איינפלוס פון י. ל. פרץ'ס שאפען אויף דער נייער יודישער קולטור"
3) דעקלאמאציעס פון ארטיסט **ארבאן** פון קאמערעל-טעאטער און רעדאקטאר **שמואל פראנק.**
4) קאנצערט-טייל פון **העלענא ראזענטאל** קלאוויר. 5) **פראפ. יאדוויגא פייגע** (פידעל)
6) **אננא טשענסטאכאווסקא** אקאמפאניאמענט.

בילעטען פון 49 גר. צו בעקומען ביי י. רזשאנשינסקי זונטאג פון 8 אווענד ביי דער קאסע.

Zespół Artystów Krakowskich pod dyr. Tad. Pilarskiego (sen.)

W CZWARTEK 4 MAJA b. r. o GODZ. 8-15 wiecz.
w sali kino-teatru „Nowości"

„Dziewczęta w Mundurkach"

rewelacyjna sztuka Chrysty Winsloe w 3-ch aktach.
W sztuce występują same kobiety.

POPOŁUDNIU o GODZ. 4-ej przedstawienie popularne dla szkół i publiczn. **ŚLUBY PANIEŃSKIE** komedja w 3 aktach Hr. Al. Fredry.

Panu **Tadeuszowi Scheinwechslerowi**
z powodu zgonu OJCA Jego bł. p.

WILHELMA SCHEINWECHSLERA

składa wyrazy szczerego współczucia

Joachim Dawidowicz z Rodziną.

Rodzinie Scheinwechsler
z powodu zgonu bł. p.

Wilhelma Scheinwechslera

wyraża współczucie

Jakób Weinstock z Rodziną.

אונזער הארציגסטען פריינד
יוסף רובינשטיין
צום טויט פון זיין
מוטער נ"ע
דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל
הסלא און **ש. פראנק.**

אונזער פריינד
יוסף רובינשטיין
צום טויט פון זיין
מוטער נ"ע
אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.
זלמן ווינדמאן און פרוי.

בעקאנטמאכונג.

די ערשטע אין פוילען

שפאגאט-פאבריק „STRADOM" Sp. Akc.

פראדוצירט:

שפאגאטען, זעמטליכע נומערן, ראלעטען - שפאגאט, שנורען, פאדעם א. א. וו.

שוסטער - דראטווע, זאטלער - גארן, פשענדזעס אלעראט, מאשין-דראטווע א. א. וו.

אויך געבלייכט און אין פערשידענע קאלירען.

פיינסטע קוואליטעט!

עס איז שוין צו בעקומען לאסען צו דער ערשטער קלאס פון דער 27-טער מלוכה-לאטעריע

דאס גרעסטע געווינס:

צוויי מיליאן זלאטעס

אויסערדעם **69,000 געווינסען** אויף א סומע פון **24,800,000 זל.**

פרייז:	א פערטיל לאס	א האלבער לאז	א גאנצער לאס
	10 זל. —	20 זל. —	40 זל. —

Kantor wymiany J. WEKSLER, Aleja 6.

נאטיצען.

די איינציגע טעמא וואס שטעהט אויף דער טאג-ארדנונג פון די יודישע אינטערעסען, איז אלץ ווייטער די דייטשע היטלער-מגפה און די שרעקלי-כע צרה וואס איז געקומען אויף אונ-זערע ברידער אין דייטשלאנד.

אלע אונזערע אקטועל-יודישע פרא-גען, מיט וועלכע מען האט זיך נישט אויפגעהערט צו בעשעפטיגען, זענען אבגערוקט געווארען אין א זייט, פאר דער דאזיגער אזוי-ברענענדער פראגע, ווייל א פייער, א שרעקליכע שרפה האט ארומגעכאפט די 600 טויזענד דייטשע יודען, די בארבארען האבען זי אונטערגעצינדען פון אלע זייטען נישט לאזענדיג זיי ארויסראטעווען זיך פון צווישען די פלאמען.

דאס בלוט ווערט דאך פאקטיש גע-זעצט אין די יודען ווען מען לעזט די ידיעות אין דער פרעסע, וועלכע שפי-גלען יעדענפאלס נאר אב א קלייגעם טייל פון די שרעקליכע מעשים, און עס איז נישט קיין וואונדער וואס דאס יודישע הארץ אין גאר דער וועלט האט אויפגעציטערט, און קען זיך קיין ארט נישט געפונען.

דאס וועלט-יודענטום קעמפט, זיין קאמף בעשטעהט ווי שטענדיג קודם כל אין שרייען און פראטעסטען, און רופען צום געוויסען פון דער וועלט, אפעלירען צו די וועלט-מאכטען וועלכע האבען אנ'איינפלוס אין דער וועלט-פאליטיק אז זיי זאלען נישט דערלאזען צו אזא שוידערליכער וועלט-שהיטה ווי עס קומט פאר אין סאמע הארץ פון איירעפא, און מען זעהט טאקי אז דער דאזיגער יודישער אפעל האט טיילווייז געווירקט און ארויסגערופען זאגאר די גרויסע וועלט-פאליטיקער אז זיי זא-לען זיך ארויסזאגען אפיציעל געגען דעם דייטשען בארבאריזם. די איינ-הייטליכע אבשטימונג אין ענגלישען פארלאמענט, ווען אלע ריכטונגען פון רעכטס ביז לינקס וועלכע זענען פער-טרעטען אין ענגלישען פארלאמענט האבען מיט דער גרעסטער שארפקייט פערארטיילט די דייטשע היטלער-רעגי-רונג, ווען מען נעמט נאך דערצו אין בעטראכט אז אין די פארלאמענטען ווערט געפיהרט פאליטיק, אז מיט יע-דען ווארט מוז מען זיך פריהער רע-כענען, און טיילמאל מוז מען זאגען אנדערש אדער גארנישט זאגען דאס וואס מען האט אין זינען, איבערהויפט אין בעצוג צו די קאלטע ענגלישע פא-ליטיקער, מוז מען קומען צום בעשלוס אז די דעבאטע אין ענגלישען פארלא-מענט האט אנ'אונגעהייער וויכטיגע בעדייטונג.

אבער דער שרעקליכער שונא, דאס הייסט די דייטשע גאסען-יונגען אזוי ווי מען האט זיי מיט רעכט אנגערופען אין ענגלישען פארלאמענט, זענען ווייזט אויס טאקי הפקר - יונגען, ווי קוקען נישט אויף דעם וואס די גאנצע עפענ-טליכע מיינונג זאגט, זיי נעמען גישט אין אכט דאס וואס דייטשלאנד ווערט פאליטיש און עקאנאמיש איזאלירט פון דער גאנצער ארומיגער וועלט, זייערע אויגען זעהען נישט וואסערע חורבן וואספערע אומגליק זיי ברענגען אויף זייער לאנד, די מענשען - מאסע איז דארט פשוט ווי מערשיכור'ט פון דעם זיך גיסענדיגען יודישען בלוט, זיי זע-נען פעווערט געווארען פון די ווילדע געשרייען און אנפאלען אויף די שוצ-לאזע יודען, און זיי זעהען נישט ווי אזוי זיי קריכען מיט יעדען טאג אלץ טיעפער אין דעם שרעקליכען זומפ פון וועלכען זיי וועלען נישט מעהר קענען ארויס.

און וועלענדיג פערטויבען און פער-שיכור'ן אויך דאס געוויסען פון אנדע-רע פעלקער, וועלענדיג שפילען אויף די נידריגסטע איגסטינקטען, און די סוליגאנישע אויסוואורפען, וואס געפו-נען זיך צווישען אלע וועלט-פעלקער, פלאנט דער דייטשער תליון צו ארגא-ניזי'ען א אנטיסעמיטישען אינטערנא-ציאנאל, וועלכער זאל פרעדיגען האס, שנאה, פערניכטונג און אויסראטונג פאר דעם גאנצען יודישען פאלק אין אלע גלות-לענדער, מען געהט שאפען הויכשולען פאר אנטיסעמיטישער פרא-פאגאנדע, אין די דאזיגע שולען זא-לען ווערען אויסגעבילדעט אנטיסעמי-טישע אגיטאטארען, רעדנער און ארגא-ניזאטארען וועלכע זאלען ארויספאהרען אין גאר דער וועלט און פרעדיגען זייער גיפט און שנאה געגען די יודען וואס געפונען זיך אין אלע לענדער, אזאלכע שולען וויל מען איינארדנען אין די ערטער וואו מען ווייסט אז דער אנטיסעמיטיזם האט נאך ביז היינט זיינע שרעקליכעווארצלען וועלכע ווע-רען נאר פערדעקט, און מען איז אוי-סען זיי אויפצודעקען און ארויסצורו-פען געגען די שוצלאזע יודען מיט דעם וויל דער תליון מאכען א קרייץ-צוג איבער דער גאנצער וועלט און דאס זאל זיין דער ענטפער געגען דעם קאמף וואס דאס וועלט-יודענטום האט ערקלערט די דייטשע בארבארען, גע-גען דער פערטיידיגונג וואס די יודען האבען אנגענומען, צו פערטיידיגען זיי-ער לעבען, זייער בלוט.

עס איז אויך קיין וואונדער נישט וואס דאס גאנצע יודישע פאלק צו אלע שיכטען און ריכטונגען האט זיך דאס מאל פעראייניגט אין זיין פערטיי-דיגונגס-קאמף געגען דער שרעקליכער דייטשער מגפה, עס זענען בעזייטיגט געווארען אלע חלוקי-דעות וואס הער-שען צווישען די פערשידענע יודישע ריכטונגען און עס ווערט געשאפען א איינהייטליכער יודישער פראנט, מען איז אין דער פולער האפנונג אז דאס יודישע אחדות, די גרויסע יודישע איי-ניגקייט וועט בעזיגען זאגאר דעם מעכ-טיגסטען שונא, און אזוי ווי אלע מאל וועט דאס יודישע פאלק ארויס פון קאמף אלס זיעגער.

עס וואלט געווים נישט ריכטיג גע-ווען, ווען מען זאל ביי דער געלעגענ-הייט נישט טאדלען אמשארפסטען דאס וואס אין דער צייט ווען דאס גאנצע יודענטום ווערט פעראייניגט, ווערט ביי אונז אין טשענסטאכאוו דער יודי-שער צבור נאכמעהר צושפליטערט און צובראקעלט.

עס ווערט פשוט רויט דאס פנים פאר חרפה, וואס אויך ביי דער איצ-טיגער וועלט-צרה, וועלכע בעדראהט יעדען יוד וואו ער זאל זיך נישט גע-פונען, האט מען ביי אונז אין טשענס-טאכאוו ארייגגעפיהרט ענגע קלייזעל-פאליטיק, מיט נקמה-אקטען, ווען עס גיסט זיך יודיש בלוט ווי וואסער, ווען אלע יודישע הערצער זענען אויפגעצי-טערט, רופט מען פערזאמלונגען כלו-מרשט צו שאפען א קאמיטעט, און דאביי רעכענט מען זיך נישט מיט דעם, אז אלע זאלען צופרידען זיין, אז ס'זאל הערשען שלום און אחדות וועניגסטענס אין אזא ערנסטער צייט.

יודיש טשענסטאכאוו, וואס איז פון דיר געווארען?

י. פ.



שנעל און גוט!

שנעל און גוט ווירקען די טאגאל טאבלעטקיס ביי רעומאטיזם, פאדאגרע, שמערצען און רייסען אין די געלענקען, נעווראלגיע און פערקיהלונגען. שוין זייט איבער 15 יאהר באנוצט מען מיט דעם בעסטען ערפאלג ביי דידאזיגע ליידען טאגאל-טאבלעטקיס. איבער 6000 דאקטוירים, דארונטער אסך בערימטע פראפעסארען בעשטעטיגען די גוטע ווירקונג פון טאגאל-טאבלעטקיס. פרווט און איבערצייגט אייך נאך היינט אליין. מען מוז אבער גוט אויפפאסען אויף די אריגינאלע נישט באשעדיגטע פערפאקונג. צו באקומען אין אלע אפטייקען. רעג.-נומ. 1364.

Togal

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין.

פערגאנגענעם זונטאג איז אין איי-גענעם לאקאל פארגעקומען די יעהרלי-כע אלגעמיינע פערזאמלונג פון היגען סוחרים און פאבריקאנטען-פעראיין.

פרעזעס שטילער עפענט די פער-זאמלונג און וואונדערט זיך פארוואס די מיטגלידער אינטערעסירען זיך זעהר וועניג מיט'ן פעראיין. א בעווייז, אז זיי בעטייליגען זיך נישט אין א גע-העריגער צאהל אין דער פערזאמלונג.

אלס פארזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט דיר. פרושיצקי, וועלכער פערבעט אלס ביזיצענדע די ה"ה ענ-געל, ל. קאפינסקי און אלס סעקרעטאר ה' י. געריכטער.

נאכדעם ווי עס ווערט אדורכגע-לייענט דער פראטאקאל פון דער לעצ-טער אלגעמיינער פערזאמלונג, גיט אב דעם בעריכט ה' ש. ראדאל.

פון בעריכט ווייזט זיך ארויס, אז אין משך פון יאהר זענען פארגעקומען 18 פערוואלטונגס-זיצונגען, פון וועלכע 3 זענען נישט צושטאנד געקומען. דאן ווערט בעריכטעט, אז דער פעראיין האט זיינע פערטרעטער אין די שאצונגס-קאמיסיעס און אויך 2 פארשטע-הער אין דער קאמיסיע אדוואלאוושע אין קעלץ.

ליידער ערפולען נישט די מיטגלי-דער זייער הוב לגבי דעם פעראיין דערמיט וואס זיי צאהלען נישט דעם מיטגלידס-אבצאהל און דורכדעם שטע-לען זיי דעם פעראיין אין א סכנה פון אונטערגאנג.

דער פעראיין האט אויך אנגענומען א שטעלונג געגען די יודישע רדיפות אין דייטשלאנד און האט איינגעאר-דענט א גרויסען מיטינג, וואו עס איז אנגענומען געווארען א פראטעסט-רע-זאלוציע און די מיטגלידער זענען אויפגעפאדערט געווארען צו באיקאטי-רען די דייטשע סחורות.

פון קאסע-בעריכט ווייזט זיך ארויס, אז די געזעלשאפט האט א דעפיציט אין דער סומע פון 6277 זל. און בלויז אין לעצטען יאהר איז דער דעפיציט געשטיגען מיט 1500 זל.

אין דער דיסקוסיע נעמען אנטייל די ה"ה: קראמאלאווסקי, שטילער, ליבראוויטש, קעמפנער, בערלינער, ראזענבערג, מיסקא, גאלדשטיין, שפירא, א. אנד.

צום סוף ווערען אנגענומען פאלגענ-דע פארשלאגען: 1) דער פארשלאג פון ה' קעמפנער, אז מען זאל רופען די סעקציעס און פון דארט זאלען אויס-געוועהלט ווערען פארשטעהער אין די שאצונגס-קאמיסיעס, 2) פארשלאג פון ה' קראמאלאווסקי, אז עס זאל געשא-פען ווערען א איגטערווענץ-קאמיסיע, 3) פארשלאג פון ה' ראזענבערג, אז עס זאל אויסגעוועהלט ווערען א קא-מיסיע, וועלכע זאל נאכקאנטראלירען די פארלעגענע חובות און זי זאל גלייכצייטיג איינקאסירען דעם פארלע-גענעם מיטגלידס-בייטראג.

דאן ווערט אויסגעדריקט אבסאלו-טאריום דער אבטרעטענדער פערוואל-טונג און א דאנק פאר איהר ביז-יעצ-טיגער ארבייט.

דער בודזשעט אויפ'ן לויפענדען יאהר אין דער סומע פון 9400 זל. ווערט בעשטעטיגט.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רע-זולטאט:

אין דער פערוואלטונג: ז. שטילער, נייפעלד, שפירא, ראדאל, אלטמאן, שעלצער, פויסט, ראטבארד, גאלדשטיין שלעזינגער, בארזיקאווסקי און פרא-פארט. קאנדידאטען: שטייניץ א. א.

אין דער רעוויזיאנס - קאמיסיע: נ. שווארצבוים, קעמפנער, קאהן, קראק, ליבראוויטש.

ה' פרושיצקי בעריהרט דאן פאלגענ-דע פראגע: היות היי-יאהר פאלט אויס 20 יאהר זינט דער סוחרים - פעראיין איז געגרינדעט געווארען ווערט איינ-געארדענט א יובילעאום-פייערונג. צו דעם צוועק ווערט דער לאקאל רעמאנ-טירט און היות קיין געלד איז נישטא אפעלירט ער צו די מיטגלידער, אז זיי זאלען זיך בעשטייערען סיי מיט געלד ווי אויך מיט פראדוקטען לטובת דעם לאקאל-רעמאנט.

דער דאזיגער אפעל האט געהאט א ווירקונג און א רייהע מיטגלידער הא-בען זיך באלד דעקלארירט סיי מיט געלד ווי אויך מיט מאטעריאלען, וואס עס איז בעגריסט געווארען פון אלע אנוועזענדע.

מיט דעם ווערט די פערזאמלונג גע-שלאסען.

יוד. ארבייטער ספארט-קלוב „הפועל“

שבת דעם 29 ד. ח. 3 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין לאקאל פון בארבאוו היים אנ'אלגעמיינע פערזאמ-לונג וועגען גרינדען דעם ארבייטער ספארט-קלוב „הפועל“.

די ענטלאפענע. (50

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(סוף).

32.

נאכדעם ווי דוד רייכמאן האט ער-קלערט, אז ער נעמט אויף זיך צו שאפען א גרעסערע סומע געלד וואס וועט נויטיג זיין צו בעפרייען דעם רב, האט יעקב משה זיך ערשט ענערגיש גענומען וועגען דעט צו טהוען.

ביז איצט אזוי לאנג ווי ער האט קיין געלד נישט געהאט האט ער אליין געצווייפעלט אדער בלויז פראטעקציע וועט דא קענען העלפען, ווארום עס איז דאך נישט געווען קיין צווייפעל, אז די העצער זעלבסט האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז דער רב איז אונ-שולדיג, און זיי טהוען דאס מיט א ספעציעלער יודענפיינדליכער כונה, אבער איצט ווען ער וועט האבען געלד, און נאפדערצו א גענוג גרויסע סומע וואס דוד רייכמאן האט פער-שפראכען צו שאפען אין ווארשא צווי-שען די רייכסטע יודען, האט יעקב משה מיט דער גרעסטער ענערגיע זיך גענומען צו ארבייטען פאר דער בע-פרייאונג פון רב.

רייכמאן האט איהם באלד איבער-געבען א בעדייטענדע סומע וואס ער האט מיט זיך מיטגעבראכט מיט דער כונה דאס איבערצוגעבן יעקב משה'ן. אז ער זאל זיך אליין קענען איינארד-נען, ווייל רייכמאן האט פערשטאנען, אז יעקב משה איז נאך דער שרפה געבליבן נאקעט און בלויז. יעקב משה האט דאס געלד פון איהם צוגע-נומען, אבער נישט פאר זיך, נאר פאר דער רעטונג פון רב. פאר מיר — האט ער ערקלערט — וועל איך זארגען שפע-טער, נאכדעם ווי דער אויבערשטער וועט העלפען און אונזער רב וועט פריי זיין.

דורך דער פערמיטלונג פון דעם הויפט-ריכטער'ס פרוי האט יעקב משה זיך אויסגעפועלט א צווייטער אודיענץ ביים ריכטער און דאס מאל האט ער מיט איהם שוין גערעדט אפען, אז ער האט צו זיין פערפיגונג א גענוג גרוי-סע סומע געלד, וועלכע די יודען זע-נען גרייט צו געבען פאר דער בעפריי-אונג פון רב. וועלכער איז דאך באמת ריין און אונשולדיג.

עס איז איהם נישט אזוי לייכט אנ-געקומען, אבער נאכדעם ווי יעקב משה האט איהם ערקלערט, אז ער וועט זיך שאפען פראטעקציע אויך צו אנדערע ריכטער און איינפלוסרייכע מענשען האט דער הויפט-ריכטער איינגעשטימט, אז ער וועט זיך בעמיהען דאס דער אורטייל אויפ'ן רב זאל געמילדערט ווערען אויף אזוי פיעל, דאס ער זאל נישט פעראורטיילט ווערען אויף תפיסה, נאר צו בעצאהלען א גרויסע געלד-שטראף.

יעקב משה האט טאקי זיך בעמיהט צו בעקענען מיט פיעל איינפלוסרייכע פערזאנען אין פראנקפורט, וועלכע הא-בען דאמאלס געפיהרט די עפענטליכע מיינונג און מיט דער הילף פון געלד האבען זיי געענדערט זייערע מיינונגען און אנגעהויבען צו ערקלערען עפענט-ליך, אז דער רב האט די שרפה גישט פעראורזאכט סיט א ספעציעלער בייז-וויליגער כונה, נאר ער האט דאס גע-טהון אומגערן און מען קען איהם נישט אזוי שטרענג בעשטראפען. דאס האט שוין געהאט א זעהר גרויסען איינפלוס אויף די ריכטער, אז זיי האבען גע-קענט אויף זיך נעמען ארויסצוטראגען א מילדערען אורטייל.

אין פראנקפורט האט קיינער נישט געוואוסט וועגען דער געהיימער אר-בייט וואס יעקב משה פיהרט אן צו בעפרייען דעם רב, און דעריבער ווען עס איז בעקאנט געווארען, אז אין א געוויסען טאג וועט פארקומען דער פראצעס פון רב, איז די גאנצע יודי-שע בעפעלקערונג אוועק אין שוהל וואס איז אויך געווען א חורבה, און דארט האט מען געזאגט תהילים און געבעטען פאר דער בעפרייאונג פון רב, און די געוויינען און די געשרייען זענען געגאנגען ביז אונטער'ן הימעל.

צומארגענס איז בעקאנט געווארען דער אורטייל, אז דער רב ווערט פער-משפט צו אבזאגען זיך פרייוויליג פון פראנקפורטער רבנות, און צו פערלא-זען פראנקפורט, אבער דאביי מוז ער בעצאהלען די סומע פון 5000 רייכס-טאלער אלס שטראף.

די פראנקפורטער יודען, וועלכע זע-נען געווען צופרידען פון דעם וואס דער רב האט נישט אויף זיך קיין תפיסה-שטראף, האבען אבער דאביי נישט געקענט וויסען ווי אזוי זיי וועלען פערשאפען אזא ריזיגע סומע פון 5000 טאלער, ווייל ביז די סומע וועט איינגעצאהלט ווערען וועט דער רב בלייבען ארעסטירט.

אבער יעקב משה האט נישט גערוהט. באלד ווי דער אורטייל איז בעקאנט געווארען איז דוד רייכמאן אוועקגע-פאהרען נאך ווארשא כדי צו פערשא-פען די נויטיגע סומע, דאס איז איהם נישט אזוי גרינג אנגעקומען, אבער נאך 10 טעג איז ער צוריקגעקומען נאך פראנקפורט און מיט זיך געבראכט די גאנצע 5000 טאלער.

ערשט דאמאלס האט יעקב משה גע-רופען צו זיך עטליכע פון זיינע פריינד פון די פראנקפורטער יודישע פערזענ-ליכקייטען און זיי איבערגעבען די גאנ-צע זאך, און צוזאמען מיט דוד רייכ-מאן זענען זיי אוועק אין געריכט, וואו זיי האבען איינגעצאהלט די נויטיגע סומע און ס'איז ארויסגעגעבען געווא-רען די פעראָרדנונג אז דער רב מוז אין משך פון 8 טאג פערלאזען פראנק-פורט.

ווען יעקב משה איז אוועק אין תפיסה און ערקלערט דעם רב אז ער איז פריי, האט דער רב פשוט נישט געוואלט גלויבען אבער ווען ער האט איהם געזאגט אז ער מוז פערלאזען פראנקפורט, האט זיך דער רב זעהר שטארק צוויינט, און ס'איז שווער גע-ווען איהם צו בערוהיגען.

עס איז איבריג צו דערצעהלען, אז יעקב משה האט זיך מעהר נישט אקע-געגעשטעלט דעם שידוך פון זיין טאכ-טער חנה'לע מיט אדאלף רייכמאן, וועלכע איז געמאכט געווארען זעהר בעשיידען, און יעקב משה האט ספע-ציעל צוגעאיילט ווייל ער האט גע-וואלט אז דער רב ר' נפתלי הכהן זאל זיין מסדר קדושין ביי זיין טאכטער, און אזוי איז דאס געווען.

נאך דער חתונה זענען אלע, אויך יעקב משה מיט זיין פרוי אבגעפאה-רען קיין ווארשא.

(ענדע).

פון פערטיידיגונג צו קאַמף פאַר רעכט.

עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישען די מעשים תעתועים, וואס די היטלעריסטען טהוען אָב לגבי די סאָציאַליסטען און נישט-היטלעריסטען בכלל און לגבי יודען; לגבי פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע געגנער, אָבטהון אַזעלכע ווילדע מעשים איז געוויס נישט דערלאַזבאַר און מוז אָבגעשטעמפּעלט ווערען מיט דעם נאָמען באַרבאַריזם, אָבער זיי זענען פערשטענדליך, בשעת לגבי יודען ווערט געהאַנדעלט נישט געגען פּאָליטישע אָדער געזעלשאַפטליכע געגנער, נאָר געגען אַ גאַנץ פאָלק, וואס בעשטייט פון אַלערליי פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע עלעמענטען מיט אַלערליי ענטשפּרעכענדע אידעאָלאָגיעס! דערביי זענען די פּאָליגאָנישע מעשים תעתועים, וואס ווערען אָבגעטהון לגבי יודען אי אין איכות אי אין כמות אַ סך ערגער פאַר די פּאָליגאָנישע ארויסטרעטונגען געגען די לינקע, די סיבה פון דעם נישט-דערהערטען ווילדען אָנפאַל אויף די דייטשע יודען איז די ביז גאָר פערשאַרפטע קאָנקורענץ מיט יודען, וועלכע איז שוין ביי „גאָרמאַלע" פערהעלטנישען אַ שווערע. דאס איז, ווי איך האָב שוין לאַנג פעסטגעשטעלט, די עיקר-סיבה פון דעם אַנטיסעמיטיזם אין אַלע לענדער.

בשעת אָבער אין די לענדער פון אַ הויכער קולטור ווערט די שנאה צו יודען געמעסיגט דורך דער הויכער קולטור און נעהמט נישט אָן קיין ווילדע פאָרמען, איז זי אין דייטשלאַנד מחמת דער גרויסער דעמאָראַליזאַציע, וואס די וועלט-מלחמה האָט דאָ ארויסגערופען – דערגאַנגען ביז צו דער הויכער, נאַקעטער ווילדקייט פון אַ מלוכה'שאַפטליכען באַנדיטיזם מצד אַזאַ פּאַטאָלאָגישען אַנטיסעמיטיזם, ווי היטלער, ביי וועמען עס פיהלט זיך, ביי איהם, ווי ביי זיינע חברים, אויסערגעוועהנליך שטאַרק דער סאַדיזם, וואס האט פערביטען דעם צוים און האט צוטראָגען ווי אַ ווילד פערד.

דער בעזונדערס ווילדער כאַראַקטער פון די יעצטיגע יודען-פעלפאָלגונגען אין דייטשלאַנד האָט דעריבער אַלע סמנים מובהקים פון אַ מאַסען-משוגעת אין פולען זין פון וואָרט!

די גראַנדיעזע, כמעט אַלוועלטליכע יודישע פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציעס און נאָכמעהר דער אַלגעמיינער יודישער באָיקאָט אויף דייטשע סחורות צו וועלכען עס זענען צוגעשטאַנען אַזוי פיעל חשוב'ע נישט-יודען אין ביידע גרויסע אַנגלאָ-זאַקסישע לענדער, אין פראַנקרייך א. א. וו. – האָט געווירקט ווי קאַלט וואַסער אויף די פערווילדעוועטע היטלעריסטען. זיי זענען נאָך ווייט נישט געקומען צו זיך, אָבער זיי זעהען שוין, אַז זיי האָבען זיך צו שטאַרק צעיושעט און עס איז נעשעהן דאס, וואס זיי האָבען גאָרנישט געקענט פאָראויסזעהען: דער יוד האט געגעבען היטלער'ן צוריק! און מיט אַזאַ כח, אַז די דייטשע אינדוסטריע און האַנדעל האָבען דערשפירט אַ גוטען וועהטאָג... עס איז נאָך ווייט צום אויסניכטערען זיך, אָבער... פון דעם מלוכה'שאַפטליכען אָפענעם ווילדען באָיקאָט האָט זיך דער דייטשער „גבור" געמוזט אָבזאָגען! מען שרייט שוין נישט אָפען, מען הויבט זיך שוין אָן ארומקוקען אויף דער איבעריגער וועלט און... מען חויפט שוין אָן די זעלביגע מעשים תעתועים אָפטהון שטילערהייד... דער מלוכה'שאַפטליכער באָיקאָט אויף יודען ווערט אָהן טומעל ווייטער געפיהרט. יודען ווערען ארויסגעוואָרפען פון די פרייע פּראָפעסיעס, פון די טעאַטערען, מוזיק-אינסטיטוציעס א. אַז. וו. דער באָיקאָט אויף יודישע געשעפטען ווערט ענערגיש ווייטער געפיהרט. מען נעמט אָב ביי יודען די פּעסער און מען לאָזט זיי נישט פאָהרען קיין אויסלאַנד, מען שלאָגט און מען פייניגט ווייטער יודען, אמת, נישט אין די גאַסען, נאָר אין שמוציגע היטלעריסטישע נעסטען... פאַר יודען ענטלויפען פון דייטשלאַנד, וואו די אויגען טראָגען דורך אַלע גרעניצען אין די טויזענדער. מיט איין וואָרט—די מעשים תעתועים געגען יודען אין דייטשלאַנד האָבען בכלל נישט אויפגעהערט, נאָר זיי ווערען געפיהרט ווייניגער בפהרסיא און אין אַ בהדרגה'דיגערען טעמפּ.

מען האָט בעקומען צוריק אַ קלאַפּ פון יודען, אויף וועמענס זייט עס האָט זיך געשטעלט כמעט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט...

דער יודישער קלאַפּ האָט געטראָפען דאס ווילדע היטלעריסטישע דייטשלאַנד איבער דער קעשענע; אין דעם אָרט האָבען אַלערליי אַנטיסעמיטישע דעמאַגאָגען שטענדיג ארויסגעוויזען אַ גרויסע פיהלבאַרקייט...

געוויס האָבען יודען אָבגעהאַלטען אַ גרויסען און אַ גלענצענדען מאָראַלישען נצחון, אָבער די לאַגע פון די דייטשע יודען אין דייטשלאַנד האָט זיך דערווייל גאָר ווייניג פערבעסערט, מיר מוזען דעריבער אונזער קאַמף געגען היטלער'ן פיהרען ווייטער מיט נאָך מעהר ענערגיע און מיט מעהר פּלאַנמעסיגקייט. אין יעדער גרעסערער שטאָדט מוזען זיך בילדען באָיקאָט-קאָמיטעטען, וואס זאָלען זיך אָנשפּאַרען אָן דער ציוניסטישער יוגענד. פערשפּרייטען און פערטיפען מוז מען דעם יודישען באָיקאָט.

מען דאַרף קיין שום אַכט נישט געבען אויף די נאַרישע טענות פון די „יודישע גזלנים", דאס פאַר יודען, וואס ליידען אַזוי פיעל פון באָיקאָט, פּאַסט כלומרשט נישט צו באָיקאָטירען וועמען עס איז, ווען אויף אייך, אָהן קיין שום שולד פון אייער זייט, פאַלען גזלנים און רצחנים, וואס טהון מיט אייך אָב כל דבר אסור, מעגט איהר און מוזט איהר זיך פערטיידיגען מיט אַלע מעגליכע מיטלען, בפרט נאָך מיט אַזאַ מיטעל, ווי באָיקאָט, אין וועלכען עס איז נישטאָ קיין רציחה און קיין גזלה!..

די טענה, דאס באָיקאָט מוזען ליידען אויך אַ טייל דייטשע יודען—קענען אויך נישט גענומען ווערען אין אַכט ווייל דער באָיקאָט האָט אין אויג נישט נאָר די דייטשע יודען, נאָר אַלע יודען פון דער וועלט, וועלכע מוזען דערווייזען, אַז זיי קענען זיך פערטיידיגען און אָנטהון די פּאָגראָם-מאַכער פון יעדער מלוכה גרויסע צרות. נאָר דאַן וועלען זיך אַנטיסעמיטישע מלוכה-מענער מוזען שטאַרק פערטראַכטען, איידער זיי הויבען אָן צו פּאָגראָמירען יודען.

דער גאַנצער פּועל-יוצא פון דעם לעצטען יודיש-דייטשען קאַמף איז פאָלגענדער:

דאס אַלוועלטליכע יודענטום איז אימשטאַנד מיט דער הילף פון די גרויסע הויך-קולטורעלע מלוכות זיך ענערגיש צו פערטיידיגען געגען די פּאָגראָמען, וועלכע די אָדער יענע אַנטיסעמיטישע מלוכה-מאַכט פיהרט אויס, אָדער דערלאָזט אויסצופיהרען אויף יודען!

די שרעקליכע צרות, וועלכע יודען האָבען געמוזט אריבערטראָגען בשעת און נאָך דער וועלט-מלחמה—פון איין זייט און דער ציוניזם פון דער אַנדערער זייט, האָבען דאס אַלוועלטליכע יודענטום שטאַרק קאָנסאָלידירט און האָבען גורם געווען דערצו, אַז יודען הויבען אָן אויסצואַרבייטען מיטלען און מעטאָדען אין קאַמף פאַר זייער בעדראָהטען קיום, וועלכע זאָלען זיי געבען די מעגליכקייט זיך „העזה'דיג" ענטגעגענצושטעלען דעם פּאָגראָם, פון וואַנען ע־ זאָל נישט ארויסגעהן!

דער פּאָגראָם אויף יודען וועט נאָר דאַן אויפהערן, ווען ער וועט אויפהערען צו זיין אַ זיכערער און שטראָפלאָזער רויב-מיטעל און וועט שטענדיג ציהען נאָך זיך שווערע און סכנה'דיגע שטראָפען מצד יודען. דער יודישער פערטיידיגונגס-כח האָט געגען היטלער'ן אָבגעהאַלטען אפילו אַ גלענצענדען מאָראַלישען נצחון; ער טאָר זיך אָבער בשום אופן מיט דעם נישט בערוהיגען און מוז ווייטער מיט נאָך מעהר עקשנות פיהרען די מלחמה פאַר דער גלייכבערעכטיגונג פון אונזערע דייטשע ברידער!

יודען פון אַלע לענדער, פעראייניגט זיך און קעמפט פאַר אייערע רעכט!

ד"ר יעקב וויגאַדזקי

עבר-הירדן און די ענגלישע אינטערעסן.

פון ד"ר א. גינזבורג.

אין די אַראַבישע קרייזען איז לעצטענס ענטשטאַנען אַ טומעל ארום דעם ענין פון אַ יודישער קאָלאָניזאַציע אין עבר הירדן. פערהאַן דאָרט צדדים אויף פאַר און געגען דער קאָלאָניזאַציע. פאַקטיש האָבען אָבער די אַראַבער קנאַפּ וואס צו זאָגען אין דעם ענין.

די קאָלאָניזאַציע פון עבר-הירדן דורך יודען קאָן ברענגען די דאָרטיגע אַראַבער נישט ווייניגער נוצען ווי די יודען גופא. דורך דער יודישער קאָלאָניזאַציע וואָלט דער עבר-הירדן וועלכער פוסטעוועט שוין הונדערטער יאָהרען, ווידער אויפגעלעבט, ס'וואָלט פאַרגעקומען מיט דעם עבר-הירדן דאס זעלבע וואס איז פאָרגעקומען מיט א"י. עס וואָלט אַהין אריינגעבראַכט געוואָרען נייער קאַפּיטאַל, פרישע מענשליכע ענערגיע און מאָדערנע מעטאָדען פון אַגריקולטור און אינדוסטריע, וואס וועט פריהער אָדער שפּעטער זיין צום וואויל פאַר דער גאַנצער בעפעלקערונג – פאַר די אַלט-בעזעסענע אַראַבער, ווי פאַר די ניי-אָנגעקומענע יודען.

די פּאַלעסטינער אַראַבישע פּאַטריאָטישע פּרעסע האט אויפגעהויבען אַזאַ ליאַרם און אַ געוואַלד געגען דעם יודישען אריינדרינגען אין עבר-הירדן, דער וואס איז בעקאַנט מיט דעם כאַראַקטער פון דער פּרעסע אין די דאָזיגע אַזוי-גערופענע קאָלאָניזאַציאָנס-לענדער ווייסט, אַז זי, די דאָזיגע פּרעסע איז בלויז אַ וואָפען אין די הענד פון די אימפּעריאַליסטישע מלוכות, וואס הערשען דאָרט. די דאָזיגע פּרעסע שרייט און ליאַרעמט, ווען מען הייסט איהר שרייען און ליאַרמען. זי איז שטיל און רוהיג ווען מען גיט איהר צו פערשטעהן, אַז מען דאַרף זיין שטיל און רוהיג. זי, די דאָזיגע פּרעסע האט נישט קיין אייגענע מיינונג, זי איז אַ געטרייע דינערין פון די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסען.

דאס זעלבע איז אויך מיט דער פּאַלעסטיגער אַראַבישער פּרעסע. זי איז נישט זעלבסטשטענדיג, זי איז נישט פריי, זי דריקט נישט אויס איהרע אייגענע מיינונגען, זי טהוט וואס מען הייסט איהר פון די הויכע פענסטער. זי איז אַ וואָפען אין די הענד פון דעם ענגלישען אימפּעריאַליזם, וועלכער וויל נישט אַז עס זאָל פאָרקומען אַ התקרבות, אַ דערנעהנטערונג, אַ פריינדליכע און מענשליכערע בעציהונג צווישען די אַראַבער און די יודען. דער ענגלישער אימפּעריאַליזם האַלט זיך אין דעם אַלטען כלל פון אַלע אימפּעריאַליסטען פון אַלע צייטען: „צוטייל און בעהערש"!

אַז די דאָזיגע בעהויפּטונג איז נישט „גענומען פון אַרבעל", קען מען זעהן דערפון, וואס די פּאַלעסטינער אַראַבישע פּאַטריאָטישע פּרעסע איז כמעט קיינמאָל נישט ארויסגעטרעטען שאַרף געגען ענגלאַנד. דער גרעסטער אַראַבישער פּאַטריאָט אין פּאַלעסטינא איז דער מופטי פון ירושלים. און ער, דער דאָזיגער פּאַטריאָט און הויפּט-העצער געגען די יודען, איז אַ בעאַמטער פון דער ענגלישער רעגירונג. די ארץ-ישראל'דיגע רעגירונג, דאס הייסט, ענגלאַנד, צאָהלט איהם אַ יעהרליכען געהאַלט, אין אַנדערע ווערטער, ער קריגט בעצאָהלט פאַר זיינע העצעס...

ענגלאַנד איז אין ארץ-ישראל נישט פון מצווה וועגען, זי איז דאָרט נישט צוליעב די אינטערעסען פון די אַראַבער און נאָך ווייניגער צוליעב די אינטערעסען פון די יודען. זי איז דאָרט צוליעב איהרע אייגענע אימפּעריאַליסטישע צוועקען און פּלענער. זי דאַרף האָבען פּאַלעסטינא אַלס אַ בייטש אין האַנד געגען עגיפּטען, וואס איז נישט שטאַרק צופרידען מיט דער ענגלישער אויבערהערשאַפט. זי דאַרף האָבען פּאַלעסטינא, כדי צו האָבען אַן אָפענעם וועג צו אינדיען. פּאַלעסטינא איז פאַר איהר אַ וויכטיגער סטראַטעגישער פּונקט און זי וועט דאָרט בלייבען אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיך איהר לוינען...

אָבער כדי זי זאָל דאָרט קענען בלייבען אַזוי לאַנג ווי זי וועט וועלען, דאס הייסט „לעולם ועד", מוז מען האַלטען דאס לאַנד אין שטענדיגער

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

באַלד נאָך יום-טוב, ווען מיר זענען פּטור געוואָרען פון די יום-טוב'דיגע מצות האט מען זיך אַ נעם געטהון צו די וואָכענדיגע מאכלים. דהיינו: צו פערזאַמלונגען, פאָרשטעלונגען און פייערונגען.

די לעצטע וואָך האָבען מיר געהאַט אַ שפע פון די אַלע „גוטע" זאַכען און דאס טאַקע וויל איך איצט פאַר אייך, ווי אויך אַנדערע קלייניגקייטען דערצעהלען.

זיי ווערען געבוירען...

די קולטור-ליגע, וועלכע איז ערשט אין טשענסטאָכאָוו געגרינדעט געוואָרען האָט אָנגעהויבען איהר טעטיגקייט דעם פערגאַנגענעם שבת מיט אַ פאָרלעזונג וועגען—שוואַנגערשאַפט, וועלכע ס'האָבען געהאַלטען די דאָקטוירים סטעפאַן קאָהן און וויינבוים.

די דאָזיגע פאָרלעזונג האָט צוגעצויגען אַ גרויסען עולם אַנוועזענדע, וועלכע האָבען זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט דער דאָזיגער פאָרלעזונג וועגען „שוואַנגערשאַפט".

ווי איהר זעהט, איז די קולטור-ליגע שוין פערגאַנגען אין טראָגען, און ס'איז צו האָפען, אַז זי וועט געבוירען ווערען און אָנהויבען צו וואַקסען...

אַ נייע וועלט ווערט געבוירען.

די חלוצים האָבען דעם פערגאַנגענעם שבת געגעבען אַזאַ מין אַרט פאָרשטעלונג.

וועגען די קינסטלערישע זייט פון דער פאָרשטעלונג וועל איך איבערלאָזען פאַר אונזער רעצענזענט ה' בלומענקראַנץ. איך וויל נאָר בעמערקען, אַז צווישען די חלוצים זענען פערהאַנען זעהר פעהיגע אַמאַטאָרען. איבערהויפּט האָבען זיך אויסגעצייכענט די חלוצות, שרה טשעפּאַנאָווסקאָ מיט איהר הערליכע רעציטאַציע און רחל בוימענשטיין מיט איהר הערליכע שטימע און טעמפּעראַמענט.

אָבער דאס וויכטיגסטע איז, וואס מיר זעהען אין די חלוצים אַ נייע מענשהייט. קינדער פון פאָלק ישראל, וועלכע האָבען איבערגעריסען אַלע בריקען מיט'ן גלות יודענטום און זיי ווערען ערצויגען אַלס נייע יודען.

ווען איינער פון זיי האָט דעקלאַמירט אַ ליעד, וואו עס זאָגט זיך, אַז אַ נייע וועלט ווערט געבוירען, איז אַדורך אַ ציטער דורך די לייבער און מען האָט געפיהלט בחוש, אַז די אַלטע וועלט מיט דער גלות-פּסיכאָלאָגיע, מיט'ן מה-יפית אין הארצען ווערט פערניכטעט און אויף איהר אָרט וואַקסט אַ נייע מענשהייט, אַ ניי יודענטום מיט פרייהייטס-גייסט אין דער נשמה.

שוין לאַנג צייט, אַז די דאָזיגע צופּוילטע בעגריפען זאָלען פערשוואונדען ווערען און אויף זייערע חורבות זאָל אויפוואַקסען אַ נייע וועלט.

מיט דער אמת'ער פּאָמפּע.

וואס איז אייגענטליך דער רעש מיט אַ פאָהן-פייערונג, צעהנדליגער אָרגאַניזאַציעס פייערען די ענטהילונג פון זייערע פאָהנען, און אַ שטאָדט קאָכט נישט, און דאָ האָבען די רעוויזיאָניסטישע יוגענד, דער בית"ר, ענטהילט אַ פאָהן און כמעט די גאַנצע שטאָדט האָט זיך געפיהלט יום-טוב'דיג.

איהר ווילט וויסען דעם סוד? וועל איך אייך דערצעהלען.

דער פאָרויצער פון דער פאָהן-פייערונג איז געווען אונזער בעקאַנטער ר' שמואל ניעמיראָווסקי, וועלכער איז דער גרויסער מייסטער איינצואָרדנען פייערונגען מיט גרויסע פּאָמפּעס, און ער איז דאָס טאַקע געווען דער גורם, וואָס דאָס האָט ארויסגערופען אַזאַ רעש אין שטעדטיל.

כמעט די גאַנצע טשענסטאָכאָווער עליטא איז געווען פערזאַמעלט און האָבען אַקטיוו אַנטייל גענומען אין דער פאָהן ענטהילונג פון דער יוגענד-אָרגאַניזאַציע „בית"ר".

טשענסטאָכאָוו האָט דעם זונטאָג'דיגען טאָג געהאַט אַ יום-טוב'דיגען אויסזעהן, און בעת די עטליכע הונדערט טרומפּלדאָרטשיקעס האָבען מיליטעריש מאַרשירט איבער דער שטאָדט, האָבען די אָבוויעפּאַלטשיקעס געקריצט מיט די ציין און זיך געגריזשעט, אַז די יודישע יוגענד מאַרשירט שטאָלץ מיט אַנ'אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט זיכערע טריט.

די גאַנצע פייערונג איז אַ דאַנק איהר אָרגאַניזאַטאָר אַדורך מיט דער אמת'ער פּאָמפּע.

עטליכע טרייסט ווערטער.

אין ים פון פערפאָלגונגען און רדיפות אין דייטשלאַנד, און הינט-בילעריי פון די היימישע היטלעריסטען איז געווען אָנגענעם צו הערען עטליכע פריינדליכע ווערטער פון נישט-יודען אויף אונזער אַדרעס.

דאָס איז געווען אויף דער אַקאַדעמיע פון דער בית"רישער פאָהן-פייערונג און אויפ'ן באַנקעט.

אויף דער פאָהן-פייערונג האָט גערעדט דער קאָמענדאַנט ה' קאָבעלעצקי און ער האט געזאָגט, אַז פּונקט אַזוי ווי קאַזשימיעזש דער גרויסער האט געהאַט דאס רעכט צו רעדען צו יודען, דערפאַר ווייל ער האט זיי געגעבען בירגער רעכט און זיי בעהאַנדעלט מיט אַלע מענשען צוגלייך, אַזוי האט אויך ס'רעכט צו רעדען צו די יודען מאַרשאַל פּילסודסקי, ביי וועמען יודען זענען די זעלבע בירגער ווי אַלע איינוואוינער פון פּוילען.

דאס גאַנצע פּראָגרעסיווע פּוילען האַלט, אַז יודען זענען נוצליכע בירגער פון פּוילען און אַלע צוזאַמען דאַרפען און אַרבייטען פאַר'ן וואוילשטאַנד פון פּוילען אין פּוילישען פאָלק.

די צווייטע רעדע האָט געהאַלטען מאַיאָר לעבקאָווסקי אויפ'ן באַנקעט, וואו ער האט אונטערגעשטראָכען אין נאָמען פון פּוילישען מיליטער, אַז די אידעע פון יודישען פאָלק איז זיי נישט פרעמד, נאָר פערקעהרט, זיי וועלען אונז העלפען ערפילען אונזער אויפגאַבע, ווייל מיר זענען ברידער פון אַ גרויס לאַנד, וועלכע קעמפען פאַר איין ערהאַבענעם ציעל.

אין אַ צייט פון דעפּרעסיע זענען אַזעלכע רייד, אויפמונטערונגס-ווערטער, וועלכע טרייסטען און לאָזען נישט פערלירען דעם מוהט.

אומעטום דאָס זעלבע...

אויף דער פערזאַמלונג פון סוחרים און פאַבריקאַנטען פעראיין האָט מען געהערט דאָס זעלבע ליעד, וואס קומט אויס צו הערען אויף די פערזאַמלונגען פון קליינהענדלער, האַנדווערקער און אַנדערע „עמך"ס – „שטאָ" קיין געלד.

דוכט זיך, מי לנו גדול. די סוחרים און פאַבריקאַנטען דוכט זיך, אַז ביי זיי און נאָר ביי זיי דאַרף זיך קאָנצענטרירען דאס גרויס-קאַפּיטאַל, ביי וועמען דען, ביי אונז פענטאַקעס? און פונדעסטוועגען האט מען דריי פערטיל פון דער דיסקוסיע געווידמעט דער פראַגע פון חסרון כיס, וואס אין קאַסע איז קיין געלד נישטאָ און דער דעפיציט וואַקסט פון יאָהר צו יאָהר פּונקט ווי די שטייער-חובות ביי די קליינע סוחרים.

די גאַנצע פערוואַלטונג האָט זיך טאַקי צוליעב דעם אויבענדערמאַנטען אָבגעגעבען אין דעמיסיע און דער סוף איז, אַז מען האט זיי צוריק אויסגעוועהלט און – זיי האָבען די מאַנדאַטען אַנגענומען...

איז דאָך ווידער די קשיא, פון וואַנען וועט מען דעקען דעם דעפיציט, איז דער תירוץ – אַזוי ווי אומעטום, ווי ס'וועט זיין מיט כל ישראל, וועט אויך זיין מיט'ן סוחרים-פעראיין.

פונדעסטוועגען איז פאַרט נישט אַזוי שלעכט, ווארום ווען עס האט געהאַלטען ביי דער פראַגע פון רעמאָנטירען דעם לאָקאַל צוליעב דעם 20-יעהריגען יובל פון דער געזעלשאַפט, וועלכע פאַלט אויס היי-יאָהר און מען האט זיך גשוואַנדען צו די פערזאַמעלטע, אַז זיי זאָלען זיך בעשטייערען מיט נדבות אויפ'ן רעמאָנט, זענען אין עטליכע מינוט געפאַלען עטליכע צעהנדליגע זלאָטעס און פּראָדוקטען אין נאַטור, ווי שאַרע זייף, קאַלך און אַנדערע מאכלים טובים. אַז מען שמועסט סוחרים-

אויפרעגונג, מוז מען האלטען אין הע-צען און אין רייצען איין טייל פון דער בעפעלקערונג געגען דער צווייטער. מען טאר נישט דערלאזען צו קיין דערנעהנטערונג צווישען אראבער און יודען, ווארום אויב חס ושלום די אראבער און די יודען זאלען אנהויבען צו פערשטעהן, אז זייערע אינטערעסען זענען זיך נישט סותר איינע די אנדערע און אז זייער געמיינזאמער שונא איז גאר ענגלאנד, — אויב זיי זאלען דאס פערשטעהן און מיט געמיינזאמע כוחות בעקעמפען דעם שונא, דאן איז עס קאפוט מיט דעם ענגלישען אימפעריאליזם אין דעם נאהנטען מזרח.

פערשטעהט עס ענגלאנד גאנץ גוט, און זי טהוט אלץ וואס עס איז מעגליך, אז צו אזא פערשטענדניש זאל נישט קומען, דערפון נעהמט זיך עס די צוויי פנים'דיגע פאליטיק, וואס ענגלאנד פיהרט און האט געפיהרט אין א"י פון דעם ערשטען טאג, וואס זי האט פערכאפט דאס לאנד, שוין אין דער אזוי-גערופענער באלפור-דעקלאראציע קען מען בעמערקען די צוויי-פנים'דיגקייט פון דער ענגלישער פאליטיק, פון איין זייט האט זי פערשפראכען כלומרש'ט אכטונג צו געבען אויף די אינטערעסען פון די דארטיגע אראבער, די גאנצע דעקלאראציע איז אזוי געשריבען אז מען קען איהר פשט'לען און דרעהען אי אהער און אי אהין. זינט ענגלאנד געפונט זיך אין ארץ-ישראל שמייכעלט זי מיט איין האלב פנים צו די יודען און מיט'ן אנדערן האלבען פנים שמייכעלט זי און וויגקט צו די אראבער.

* * *

די מעשה מיט'ן עבר-הירדן איז אנ'-אלטע.

פון די סאמע עלטסטע צייטען איז דער עבר-הירדן בעטראכט געווארען אלס אנ'אומאפטיילבארער גליד פון ארץ ישראל. ווען מען האט געזאגט „ארץ ישראל" איז דער עבר-הירדן געווען איינגעשלאסען. שוין משה רעדט וועגען דעם עבר-הירדן אלס א טייל פון דעם „פערשפראכענעם לאנד". לויט דער טראדיציע זאלען זיך דארטען האבען בעזעצט די שבטים ראובן און גד און א האלבער שבט מנשה. קיינמאל, אין דער גאנצער לאנגער געשיכטע פון ארץ ישראל איז דער עבר-הירדן נישט בעטראכט געווארען אלס אנ'אבגעזונדערטער טייל פון ארץ-ישראל, אפילו די אלטע רוימער, וועלכע האבען דעם נאמען „ארץ - ישראל" געביטען אויף „פאלעסטינע"*) — אפילו זיי האבען דעם עבר-הירן נישט אפגעריסען פון פאלעסטינע, עס איז געבליבען פאר ענגלאנד. די מאדערנע רוימער, צו טהון די דאזיגע שטיקעל ארבייט. עס איז געבליבען פאר זיי, פאר די ענגלענדער, פאר דעם פאלק וואס גרויסט

זיך מיט זיין ליבשאפט און רעספעקט פאר דער ביבעל, — עס איז געבליבען פאר זיי נישט צו הערען די ביבעל און מאכען דעם דאזיגען שניט. זיי האבען אפגעטיילט דעם עבר הירדן פון ארץ-ישראל און האבען עס געמאכט פאר א „זעלבסטשטענדיגער מלוכה" אונטער דער פופען-הערשאפט פון א בעזונדערען „עמיר"...

און געטהון האבען זיי עס גלייך נאך דעם „האניג-מאנאט" פון דער באלפור-דעקלאראציע, און זי האט עס געטהון דווקא מיט דער צושטימונג פון דעם יודישען „נציב-העליון" סעמועל... ענגלאנד האט זיך שוין דאן בעצייטענס בעווארענט, אז די יודען זאלען זיך נישט קענען בעזעצען אין עבר-הירדן. די באלפור-דעקלאראציע, האט עס געמיינט, איז בעגרעניצט בלויז אויף דעם טייל פון ארץ-ישראל, וואס ליגט צום מער בזייט פון ירדן, אבער נישט אויף יענעם טייל, וואס ליגט צום מזרח-זייט.

דער עבר הירדן איז פראפארציאנעל פיעל רייכער אין פרוכטבארען לאנד, ווי דאס איז די בערגיגע ארץ-ישראל. דער עבר-הירדן איז פראפארציאנעל אויך פיעל שיטערער בעזעצט, ווי דאס איז ארץ-ישראל, גרויסע שטרעקען פון לאנד, וואס וואלטען געקענט פערוואנדעלט ווערען אין א גן-עדן אונטער בעארבייטונג, וויסטעווען און פוסטעווען דארט, ענגלאנד וויל אבער דארט נישט האבען קיין יודען, זי האט מסתמא איהרע אימפעריאליסטישע אורזאכען פארוואס זי וויל עס נישט. זאל דאס לאנד פוסטעווען און וויסטעווען, זאל די בעפעלקערונג הונגערן, אבי די יודען וועלען דארט נישט האבען קיין צוטריט...

דאס איז געווען די אמת'ע כוונה דערפון, וואס ענגלאנד האט געמאכט דעם עבר-הירדן פאר א „זעלבסטשטענדיגער מלוכה".

*) אספסיינוס איז געווען דער ערשטער, וואס האט אויף די ארץ-ישראל מטבעות געשטעלט דעם נאמען פאלעסטינא.

די אימפאזאנטע פאהן-פייערונג פון היגען ברית - תרומפלדור.

די פאהן-פייערונג פון היגען ברית-טרומפעלדאר דעם לעצטען זונטאג האט געמאכט א אימפאזאנטען איינדרוק און וועט לאנג בלייבען אין זכרון פון די היגע איינוואוינער.

עס איז געווען א טריומף יום-טוב פאר די ביתר'אוצעס, ווי אויך פאר אלע אנטיילנעמער אין דער פייערונג.

באלד אין דער פריה האבען זיך אויפ'ן הויף קאשטשושקי 16 פערזאמעלט עטליכע הונדערט ביתר'אוצעס פון טשענסטאכאוו און פון דער אומגעגענד, אויך א פאר הונדערט גייגעריגע. מיט'ן ווירשאווער ביתר איז אויך אנגעקומען זייער ארקעסטער.

פינקטליך 10 א זייגער פריה האבען די בית"ראוצעס, אונטער דער אנפיהרונג פון זייער קאמענדאנט, מארשירט איבער דער שטאדט אין דער אלטער שוהל אריין. פאראויס זענען געגאנגען די דעלעגאטען פון פערשידענע געזעלשאפטען אין דער שפיץ מיט'ן פרעזעס ה' ש. ניעמיראווסקי.

פאר דער שוהל האבען זיך פערזאמעלט טויזענדער מענשען, אזוי, אז עס איז אונמעגליך געווען זיך אינוויינינג אריינצובעקומען. נאך לאנגע אנשטרענגונגען איז דאך געלונגען די דעלעגאטען און די ביתר'אוצעס ביי א שטארק כאאטישען געדראנג אריינצוגעהן אין שוהל.

אין דער שטאדט-שוהל

זענען געווען פערזאמעלט אלע דעלעגאטען, ווי אויך פארשטעהער פון דער מיליטער-מאכט און צושויער, אזוי אז זי איז געווען איבערפולט.

חזן באדאש האט געזינגען די געהעריגע תפילות, דאן שניידט איבער די באנד פון פאהן דער געעהרטער רב ר' נחום אש שליט"א און דער פאהן ווערט ענטהילט. דער בית"ר ארקעסטער פון ווירשאווע שפיעלט דעם פוילישען און יודישען הימן און דערמיט ווערט די פייערונג אין דער שוהל פערענדיגט.

נאך די תפילות האט דער עולם אונטער דער בעגלייטונג פון ארקעסטער מארשירט צוריק אויפ'ן הויף פון אלטע קאשטשושקי 16, וואו עס איז פארגעקומען

די פייערליכע אקאדעמיע.

אויפ'ן הויף איז אויפגעשטעלט געווארען א טריבונע, דעקארירט מיט בלוי ווייסע פארבען און פוילישע נאציאנאלע פאהנען, די טריבונע איז אויך געווען דעקארירט מיט די בילדער פון פרעזידענט מאשטשיצקי, מארשאל יוזעף פילסודסקי, ד"ר הערצל, זשאבאטינסקי א. א. וו.

פרעזעס ניעמיראווסקי עפענט די פייערונג און פערבעט אין פרעזידיום דעם רב ר' נחום אש, מאיאר לעבקאווסקי, קאפיטאן הילער, פרעזעס פון לעגיאניסטען-פערבאנד דירעקטאר קאביליעצקי, פארוטשניק דאבראוואלסקי, פרעזעס ראזענבערג, פרעזעס וועקסלער, רעדאקטאר פלאצקער, פרעזעס שטילער, מ. נויפעלד, ד"ר באטאוויע, פ. שפירא, ד"ר הירשבערג א. א.

די ערשטע רעדע האלט דער קאמענדאנט פון ביתר ה' פרץ לאסקער, דאן ווערט דער מאיאר לעבקאווסקי פערבעטען איבערצושניידען די באנד פון דעם ספר הזהב, וואו ס'ווערען איינגעשריבען אלע אנטייל נעמער, וועלכע קלאפען אריין נעגעל אין פאהן.

דער ערשטער קלאפט אריין א נאגעל דער חשוב'ער רב, וועלכער האלט דערביי פאלגענדע אינטערעסאנטע רעדע:

יעקב אבינו האט צוזאמענגערופען זיינע קינדער און זיי געזאגט: האספו והקבצו. האספו — איז דער טייטש — נעמט אייך צונויף, והקבצו הייסט — זייט פעראייניגט, מיט איין דעה, מיט איין געדאנק. דער פאהן, וואס אנ'ארגאניזאציע מאכט, איז דער סימבאל פון פעראייניגונג. איך וויל אבער, אז עס זאל נישט זיין בלויז האספו, דאס וואס דא האט זיך פערזאמעלט א גרויסער עולם, נאר עס זאל אויך זיין והקבצו, אלע זאלען זיין פעראייניגט, מיט איין געדאנק, מיט איין שטרעבונג אויסצולייזען דאס יודישע פאלק.

אין דער יעצטיגער שווערער צייט, ווען פון אלע זייטען בנשעווען בייזע ווינטען, איבערהויפט פון דייטשלאנד, וואו די היטלעריסטען ווילען עוקר מן השורש זיין דאס יודישע פאלק, איז דאס איינציגע ארט, דער איינציגער אנקער, ארץ-ישראל.

א פאהן הייסט אין העברעאיש: נס עס בעדייט אבער אויך נס — א וואונדער, דאס יודישע פאלק, וועלכעס ווערט גערודפ'ט און געפייניגט און פארט האלט עס זיך אויף און לעבט, דאס זענען נסים.

איך האב שוין בייגעוואוינט—זאגט ווייטער דער רב—פיעל פאהן-פייערונגען, דערונטער אויך פאהנען, וואס זענען געמאכט געווארען פאר ארבייט לטובת ארץ-ישראל, איך זאג אבער אפען, אז מיר האבען שוין צופיעל פעהנער. בעסער וואלט געווען, אז עס זאל זיין נור איין פאהן, וואס זאל ארונטערנעמען אונטער זיך אלע פעהנער און דאס גאנצע יודענטום פעראייניגען צו איין טהאט, צו איין געדאנק אויפצולעבען דאס יודישע פאלק.

איך וויל האפען, אז ווען ס'וועט אנקומען די ריכטיגע צייט פון קיבוץ-גליות והנה תסבינה אלמותיכם ותשתחוין לאלומתי — וועלען זיך אלע אייערע בעזונדערע פעהנער צוזאמענעהמען און אונטערוואַרפען דעם איין-און-איינציגען פאהן און דאס איז ד' נסי — דער אויבערשטער איז אונזער איין-און איינציגער פאהן פון קיבוץ-גליות — ושא נס לקבץ גליותנו.

דאס וועט זיין די אמת'ע פרייד, דער איינציגער יום-טוב פאר'ן יודישען פאלק אין זיין לאנגען שווערען גלות.

די רעדע פון חשוב'ן רב איז געהאלטען געווארען מיט פאטאס און איבערצייגונג, האט אויף אלע אנוועזענדע געמאכט א שטארקען איינדרוק.

אין נאמען פון גען. דאמבקאווסקי קלאפט דאן אריין א נאגעל מאיאר לעבקאווסקי, ווייטער קאפיטאן הילער, פארוטשניק דאבראוואלסקי, דירעקטאר קאבילעצקי אין נאמען פון די פוילישע לעגיאניסטען, וועלכער האלט דערביי א קורצע רעדע, וואו ער בעטאנט די סימפאטישע בעציהונג פון מארשאל פילסודסקי צו דער יודען-פראגע און מיט איהם דאס גאנצע פראגרעסיווע פוילען; די קהלה-פרעזעסען: ה' יעקב ראזענבערג און חיים וועקסלער,

אין נאמען פון לעגיאן א. נ. פון בערעק יאסעלעוויטש ד"ר באטאוויע, פון סוחרים-פעראיין פרעזעס שטילער, ציוניסטישע ארגאניזאציע—ה' טשענסטאכאווסקי, האנדווערקער-פערבאנד—פרעזעס ד"ר גייסלער, האנדווערקער-שולע אינזש. פייגין, פרויען-פעראיין „וויזא" פרוי אינזש. קאהן, קליינהענדלער-פעראיין, ב. יאסעלעוויטשא 9 — י. מ. עפשטיין, מזרחי—י. לעוויט, גימנאזיום—י. קראק, „מכבי"—דר. אש, רעוויזיאניסטען—פרעזעס איצקאוויטש, „טאז"—דר. סט. קאהן, דר. הירשבערג, רעד. פלאצקער, דיר. פראסט, פון קלאבוצקער בית"ר—ה' נייפעלד, פון היגען „תל-חי" יאניאק, טייכנער, אין נאמען פון הנוער הציוני—מאג. הארוויטש, פ. שפירא, אלטמאן, קאנגרעצקי, קאהן, גרילאק, מ. רזשעוויטש, הערצבערג, אינזש. ארלינסקי, אינזש. פייגין, בראטמאן, ווארשויער, ליפמאן קאפינסקי, אויפ'ן נאמען פון נישט-לאנג פערשטארבענעם פערוואלטונגס-מיטגליד פון בית"ר עליאש קלאפט אריין א נאגעל דער 9-יעהריגער בית"ר פוקס, דאן קלאפען נאך אריין נעגעל די ה"ה: לאסקער, קאנטאר א"א.

מיט א רעדע פון פארזיצער ש. ניעמיראווסקי ווערט די פייערליכע אקאדעמיע געענדיגט.

בעת'ן קלאפען די נעגעל זענען געשאנקען געווארען עטליכע הונדערט זלאטעס אויפ'ן פאהן-פאנד, דערונטער אויך 25 זל. פון גענעראל דאמבקאווסקי.

די פייערונג האבען בייגעוואוינט עטליכע הונדערט צושויער, אויף וועלכע עס האט געמאכט אנ'אויסערגעוועהנליך אימפאזאנטען איינדרוק.

אין אווענד איז אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פארגעקומען א באנקעט, וואו עס זענען געהאלטען געווארען הארציגע רעדעס מעניגע דיומא פון די ה"ה: ניעמיראווסקי, שפירא, מאיאר לעבקאווסקי, מ. רזשעוויטש, ש. פראנק, מ. טשארני, לאסקער, בראטמאן, קאפינסקי, און דער עולם האט זיך געווייל'ט ביז שפעט אין דער נאכט.

רים...

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו בעמערקען, אז מיר האבען א פראפעסיאנעלען פארזיצער דעם דירעקטאר ה' פרושיצקי, וועלכער פיהרט א פארזיך „יאק שען נאלפושי", אזוי אז עס געלונגט נישט קייגעם פון די פאליטיק-פיהרער אדורכצושמוגלען זייערע כלומרשט „אונפארטייאישע" שטיקלעך.

ווייטער איז די פערזאמלונג פארגעקומען אזוי ווי אומעטום...

היימישע היטלעריסטען.

פערפאלען, מען טאר נישט פערמאכען די אויגען אויף די היימישע היטלעריסטען, אויף דעם גיפט, וואס זיי פערזייהען צווישען דער בעפעלקערונג.

אמת איז, אז דאס זענען הינט אהנע ציין, וועלכע בילען נאר און קענען נישט בייסען, אבער א פאקט איז און מען מוז זיך מיט איהם רעכענען, אז יעדענפאלס גרייטען זיי צו אנ'ארבייט, וואס וועט אונז נישט טהון קיין טובה...

די גרינע בלעטלעך מיט פיעל גיפט און האס אויף יודען, פערשפרייטען זיי כסדר טאג טעגליך אומגעשטערט, און אז דער דאזיגער סם קלעבט זיך אן אויף די לעזער איז נישטא קיין ספק.

דאן בענוצען זיי זיך מיט היטלעריסטישע מעטאדען. (מערקווירדיג, היטלער איז דער שונא פון פוילען. פאר די כוליגאנישע ענדעקעס איז ער אבער דערווייל נאך א לעהרער און א וועגווייזער, ווען עס האנדעלט זיך ביי יודען) אין דער קאשטשושקי גאס האבען זיי אויף יודישע שילדען פון דאקטוירים און אדוואקאטען און אויך אויף יודישע שפייז-געוועלבלעך אויסגעמאלען מיט רויטע פארב דאס ווארט „זשיד".

אזוי בוזשעווען זיי כסדר, נוצען אויס די געלעגנהייט און ווילען כאפען פיש אין מוטנעם וואסער.

איך מיין, אז מען טאר נישט פערמאכען די אויגען אויף די מעשים רעים פון די היימישע היטלעריסטען.

אנטי-דייטש...

אין טשענסטאכאוו איז געשאפען געווארען אנ'אנטי - דייטשער קאמיטעט, וועלכער האט די אויפגאבע צו בעקעמפען אלץ וואס איז דייטש, אבצוהיטען די פוילישע גרעניצען פון היטלער'ס פערכאפונגס - אפעטיטען און צו פאיקאטירען דייטשע סחורות.

צו דעם דאזיגען קאמיטעט זענען אויך צוגעטרעטען א רייהע יודישע געזעלשאפטען, וועלכע האבען קודם כל איינגעצאהלט צו 5-ער זלאטעס און דאן זענען אויך אריין אין די סעקציעס יודישע פארשטעהער.

אין דער פוילישער פרעסע האבען זיך דאן בעוויזען אויפרופען געגען דייטשלאנד, וואו מען רעכענט זיי אויס א גאנץ בינטעל חטאים, און מערקווירדיג, אז דארט איז נישט דערמאנט קיין איין ווארט וועגען דער יודען-פראגע און דעם פראטעסט געגען די יודישע רדיפות.

ווען מען האט געפרעגט דעם ד"ר פראם, וועלכער האט פערטרעטען די יודען, האט ער ערקלערט, אז דער אויפרוף איז רעדאגירט געווארען אהן דער בעטייליגונג פון יודען, און דעריבער קאן קיינער נישט טראגען די פעראנטווארטליכקייט, אבער דער צווייטער אויפרוף, וועלכער האט זיך שפעטער בעוויזען, איז דאך שוין יא רעדאגירט געווארען דורך א יוד, וועלכער שטעהט זאגאר אין דער שפיץ פון דעם פראפאגאנדע-קאמיטעט, פארוואס געפונען מיר נישט דארט קיין איין ווארט וועגען די יודישע רדיפות?

ניין, מיר יודען דארפען נישט זיין קיין שטימע קאפ-שאקלער, מיר מוזען אפען און מוטיג זאגען פאר דער עפענטליכקייט אונזער וועהטאג און גלייכצייטיג אונזער פראטעסט, אנדערש זעה איך נישט איין די נויטיגקייט פון אונזער בעטייליגונג אין דעם דאזיגען קאמיטעט.

זיי וועלען מיטהעלפען...

אין אנטי-דייטשען קאמיטעט האבען אויך אנגעמאלדען זייער מיטארבייט די לינגוויסטען און די „לירא".

ווען מען האט געפרעגט מיט וואס זיי וועלען באיקאטירען די דייטשען, האט די „לירא" געענטפערט, אז פון היינט אן וועלען זיי נישט מעחר זינגען קיין דייטשע לידער, איבערהויפט פעטהאווען וועט נישט טארען מעהר אריבער די שוועל... די לינגוויסטען ווידער האבען אבגעשאפט די דייטשע קאטעדרע, זיי וועלען אנשטאט איהר שאפען א העברעאישע און יודישע קאטעדרע...

ווי איהר זעהט, וועט היטלער א סוף איינגעהמען, אויב אויך די דערמאנטע צוויי געזעלשאפטען האבען צוגעזאגט זייער מיטהילף.

בעדויערנסווערט.

יענע וואך האט זיך ליקווידירט דאס קינא „אדעאן".

ביי די קינא-בעזוכער האט די דאזיגע ליקווידאציע פון דעם עלטסטען קינא אין אונזער שטאדט געמאכט א זעהר שטארקען רושם, ווארום קיינער האט נישט געוואלט גלויבען, אז דער „אדעאן", וואס האט זיך גערעכענט פאר א סאלידע פירמע, זאל אראב פון פלאץ.

מיר יודען מעגען אוודאי בעדויערען, ווארום דער אייגענטימער ה' קזשעמינסקי האט אויף יעדען יום-טוב געשענקט פאר יודישע אינסטיטוציעס היבשע סומעס געלד.

קיינער האט זיך נישט געריכט, אז פונקט דאס קינא „אדעאן", וואס איז געווען בעליעבט ביי אלע קינא-בעזוכער זאל אונטערגעהן.

דעריבער בעדויערען טאקי אלע דעם דאזיגען פאקט.

צי איז דאס אמת?

אין קינא „גראנד" קומט פאר היינט פרייטאג און מארגען שבת אויפטריטען פון דעם בעוואוסטען קינסטלער ד"ר פאול באראטאוו מיט זיין אנסאמבל.

אז דער אייגענטימער פון קינא נעמט בעצאהלט כדבעי למהוי איז דאך נישט קיין ספק, נאר מען שמועסט אז ער האט בשום אופן נישט געלאזט אין קארידאר פון קינא אויפהענגען אנ'אפיש מיט א יודישען דרוק און ווען די איניציאטארען האבען זיך וועגען דעם געווענדעט, האט ער זיך ארויסגעדרעהט מיט פוילע תירוצים. דער סוף איז, אז זיי האבען זיך בעגניגענט מיט א בלויזער אויפשריפט (געוועהנליך אין פויליש) אז דא פערקויפט מען בילעטען אויף באראסאוו'ס אויפטריטען.

איך וויל די זאך איצט נישט בעריהרען, דערפאר ווייל איך וויל נישט שטערען די אימפרעזע, וואס דארף בלי ספק אונטערשטיצט ווערען פון אלע יודישע טעאטער-בעזוכער, אבער איך וויל קודם-כל וויסען צי דער פאקט, וועלכען איך האב בעריהרט, צי ער איז אמת?

גיט איהם די 2 טויזענד זל...

די תנאים איז שוין געווען צוגעגרייט, די פיש אבגעקאכט, די קלאפסען אבגעבראטען, די ליכט אנגעצינדען, דער חזן האט שוין געוואדט און אפילו א טעלער צו צוברעכען אויפ'ן מזל-טוב איז אויך שוין געווען גרייט, און מיט אונגעדולד האבען זיי געווארט אויפ'ן חתן.

פלוצים קומט א דעפעשע פון חתן, וועלכער גיט פאלגענדע מעלדונג: ליעבע מחותנים, די כלה געפעלט אונז זעהר. אלא וואס דען, מיר ווילען, אז איהר זאלט אזוי גוט זיין און גלייכצייטיג מסלק זיין די צוגעזאגטע 2000 זל. במזומן און דאס שוין אויפ'ן ארט, אלא נישט, וועט קיין תנאים נישט זיין.

היות אבער, ווי מזומנים איז נישט געווען צוגעגרייט איז די תנאים נישט פארגעקומען און די אבגעקאכטע פיש מיט די קלאפסען, מיט'ן חזן און די געסט, ווי אויך דער צוגעגרייטער טעלער האבען נישט בעקומען זייער תיקון.

די דאזיגע געשעהעניש האט פאסירט די וואך זונטאג אויף דער נאדרזשעטשנא גאס צווישען די פאמיליעס, נ. העומד מצד הכלה און די פאמיליע י. העומד מצד החתן.

לויתן.

קלייניגקייטען.

זיי פרעהען זיך נ"שט...

לעצטענס איז ארויס א פעראָרדנונג, אַז זי געוועלבער מעגען אָפען זיין ביז 8 אַ זייגער אָוועגד.

מאָנטאָג איז דאָס געוועזן, ווען 10 מינוט נאָך 7 די סוחרים האָבען געוואָלט צומאַכען זייערע געשעפטען האָט זיך בעוויזען אַ פאָליציאַנט. דער סוחר האָט זיך דערשראָקען, מורא האָבענדיג, אַז אַט מאַכט מען איהם אַ פּראָטאָקאָל פאַר עובר זיין אויפ'ן געזעץ. דער פּאָליציאַנט האָט איהם אָבער בערוהיגט, און איהם מודיע געווען, אַז ער מעג אָפען האָבען דאָס געוועלב ביז 8 אַ זייגער אָוועגד.

דער סוחר האָט די דאָזיגע בשורה אויפגענומען זעהר קאַלט און נישט אויסוואַרטענדיג ביז דער זייגער וועט אויסשלאָגען 8 האָט ער דאָס געוועלב פערמאַכט.

אויף מיין פראַגע, פאַרוואס ער היט נישט אָב דאָס געזעץ, האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געענטפערט:

מיר נודזיען זיך גענוג אָב ביז 7 אָוועגד און מיר בעטען, אַז עס זאָל שוין קומען די בעשטימטע שעה, אַז מיר זאָלען ארויס פון בית-עולם. האָט מען אונז צוגעלייגט נאָך אַ שעה זיך צו מוטשען. ניין מיין פריינד, דאָס איז נישט קיין ישועה, ביי אונז איז דאָס גאָר נישט קיין פרייד.

דאָס האָט געהאָלפען...

דער זומער האָט זיך איינגעשפאַרט, געבליבען ערגיץ שטעקען אונטער די בערג און וויל נישט קומען.

שוין לאַנג אַוועק דער פסח, דער מאַי שטעהט שוין הינטער'ן טויער און אין דרויסען בלאָזט נאָך אַ קאַלטער ווינד.

מיר מענשען האָבען אויף דעם נישט קיין עצה, מיר קאָנען דעם זומער נישט נויטען, אַז ער זאָל קומען ווען מיר ווילען. דערפאַר אָבער האָבען זיך צו איהם אַ נעם געטהון די כלל-טהוער, וועלכע אָרדנען איין בלימעל-טעג און דערמיט ווילען זיי אונטעריאָגען דעם פריהלינג, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אונז בעגריסען.

די בלימעל-טעג האָבען ווייזט אויס טאַקי געהאָלפען און דער זומער איז ענדליך געקומען...

זעהר אינטענסיוו...

אונזער טשענסטאָכאָוו איז לעצטענס זעהר אינטענסיוו, קאַמפס-פעהיג און ווייזט אויס אַ שטאַרקען טעמפּעראַמענט אויפ'ן געזעלשאַפטליכען געביעט.

אין גאַנץ פוילען למשל עקזיסטירען יודישע קאָמיטעטען צו בעקעמפען די יודישע רדיפות אין דייטשלאַנד. קאָן זיך יעדע שטאָדט בעגניגען נאָר מיט איין קאָמיטעט אין וועלכען ס'געהען אריין פאַרשטעהער פון אַלע אינסטיטוציעס, מוז אונזער טשענסטאָכאָוו האָבען גאַנצע דריי קאָמיטעטען, און אַז די דריי קאָמיטעטען וועלען ווייניגער אויפטהון ווי ווען עס וואָלט למשל געווען נאָר איין קאָמיטעט איז גאַנץ קלאָר. ווייל ווי ווי זאָגט דער פעטער יונה „נדזיע קוכאַרעק שעשטש, טאַם ניעמאַ צאָ יעשטש". דאָס האָט אָבער נישט צום ענין. איך וויל נאָר דערמיט פעסטשטעלען, אַז אונזער טשענסטאָכאָוו איז לעצטענס געוואָרען זעהר אינטענסיוו...

סמאָל

פון בית"ר.

מאָנטאָג, דעם 24 ד. ח., זומער-גענס נאָך דער פּאָהן - פייערונג, איז אָבגעפאָהרען אַ פּאַרטיע פון 40 אחים-ות אויף הכשרה נאָך קאָנסק.

דאָס איז שוין די דריטע גרופּע וואָס פאָהרט אויף הכשרה זייט די עקזיסטענץ פון היגען בית"ר.

עס איז ווערט צו בעמערקען, אַז צווישען די אָבפאָהרענדע אויף הכשרה געפינען זיך די אחים-ות, וועלכע זענען געווען אַקטיוו בעטייליגט אין דער אַרבייט פאַר'ן היגען קק.

די קרן בית"ר אַקציע, וועלכע איז אדורכגעפיהרט געוואָרען חוה"פ ביי אונז אין שטאָדט ווערט שוין פעו'ענדיגט.

די אַקציע ווערט געפיהרט מיט גרויס ערפאָלג, אַזוי, אַז זי האָט שוין געברענגט אַ בעדייטענדע סומע געלד.

לויט אַלע וואַהרשיינליכקייטען איז צו האָפען, אַז טשענסטאָכאָוו וועט ביי דער יעצטיגער זאַמלונג שטעהן אויפ'ן ערשטען אָרט אין גאַנץ פוילען. דאָס ווייזט, אַז די היגע יודישע בעפעלקערונג בעטייליגט זיך אַקטיוו אין דער קרן בית"ר אַקציע.

ביי אונז אין קן איז געשאַפען געוואָרען אַ לעזע-זאַל, וועלכער איז טעטיג יעדען אָוועגד, ווי אויך שבת אַ גאַנצען טאָג.

עס געפונען זיך דאָרט, חוץ דער טעגליכער יודישער פרעסע, אויך פערשידענע אויסלענדישע ציַיטונגען, צייטשריפטען, בראָשורען אדגל.

דער לעזע-זאַל ווערט צאָהלרייך בעזוכט דורך אַלע אחים-ות און פרעמדע.

צ. ש.

היינט און מאָרגען — אויפטריטען פון ד"ר באַראַטאָוו.

ווי מיר האָבען שוין געמאָלדען וועט היינט און מאָרגען אויפטרעטען אין גראַנד-קינאָ דער וועלט - בעריהמטער אַרטיסט ד"ר פּאָול באַראַטאָוו מיט זיין ערשטקלאַסיגען אַנסאַמבל.

היינט פרייטאָג 9 אָוועגד ווערט געגעבען די הערליכע פּיעסע „דוד גאָלדער" און מאָרגען שבת 9 אָוועגד — „דער בורזשוי".

דער יודישער טעאַטער - עולם וועט בעשטימט אויסנוצען די צוויי אויפטריטען און אַלע פּלעצער וועלען זיין אויספערקויפט.

די קליינע צאָהל איבערגעבליבענע בילעטען איז נאָך היינט אַ גאַנצען טאָג צו בעקומען אין קאַסע פון גראַנד.

י. ל. פּרץ - אַקאַדעמיע אין פייער-לעשער-זאַל.

זונטאַג ד. 30 אַפּריל 1933 קומט פאָר אין פייערלעשער-זאַל 8-30 אָוועגד אַ גראַנדיעזע פּרץ-אַקאַדעמיע מיט דער בעטייליגונג פון בעקאַנטען היסטאָריקער, קולטור-טהוער און גלענצענדען פּרעלעגענט ד"ר רינגעלבלום אויס וואַרשאַ.

דער אָפיציעלער טייל פון דער אַקאַדעמיע נעמט אַרום! 1) אַ רעפעראַט פון פּראָפ. א. מאַרקאָוויטש א. ד. ט. לאַנדקענטניש, פאָלקס-קענטניש און י. ל. פּרץ. 2) אויספיהרליכען רעפעראַט פון ה' פּרעלעגענט ד"ר רינגעלבלום א. ד. ט. דער איינפלוס פון פּרץ'ס שאַפען אויף דער יודישער ליטעראַטור און קולטור. דער אונאָפיציעלער טייל פון דער אַקאַדעמיע בעשטעהט פון דעקלאַמאַציעס דורכ'ן אַרטיסט אַרכון פון קאַמעראַל-טעאַטער און רעדאַקטאָר שמואל פראַנק, און אַ רייכער קאָנצערט-טייל פון בעגאַבטע קינסטלעריגס, די ווירטואָזינס העלענאַ ראָזענטאַל (קלאַוויר), פּראָפ. יאַדוויגאַ פייגע (פידעל), אַננאַ טשענסטאָכאָווסקאַ (אַקאָמפּאַניאַמענט).

עס איז זיכער, אַז דער אינטעלעקטועלער טייל פון דער טשענסטאָכאָווער בעפעלקערונג וועט אָבגעבען דעם געהעריגען כבוד אונזער אונפערשטערבליכען דיכטער און מאַסענווייז בעזוכען די אַקאַדעמיע פעראייניגענדיג דעם מאָראַלישען פליכט מיט פּריוואַטען גענוס.

פּאָהן-פייערונג אין דער שולע פון פּרל. וויינשטאָק.

זונטאָג, דעם 30 ד. ח. פּונקטליך האַלב 4 נאָכמ. קומט פאָר אין דער שולע פון פּרל. ז. וויינשטאָק די ענטהילונג פון דער שולע-פּאָהן.

געריכטס-אויפטריט פון די פירמעס „סאַטורן" און „י. דאַווידאָוויטש".

מאָנטאָג זענען אין היגען קרייז-געריכט פאָרגעקומען די פערהאַנדלונגען וועגען בעשטימען אַ געריכטס-אויפזיכט („נאַדזור") פאַר די פירמעס: „סאַטורן" און „יאָאַכים דאַווידאָוויטש". פּאָרזיצער איז געווען וויצע-פּרעזעס קעלער ביים אַנטייל פון די ריכטער פּאָפּאָל און שפּערלינג (רעפערענט).

אין נאָמען פון ביידע פירמעס איז ארויסגעטרעטען אַדוו. קאַנאַרסקי. די קרעדיטאָרען ש. קרויזע און ה. שאַיאַ, וועלכע זענען אַרויסגעטרעטען געגען „נאַדזור", זענען געווען פערטרעטען דורך די אַדוואָקאַטען לפּוויט פון וואַרשא און קראָוסקאָפּף פון טשענסטאָכאָוו.

נאָך דעם רעפעראַט פון ריכטער שפּערלינג און נאָך דעם אויסהערען די מיינונג פון עקספּערט בוכהאַלטער גאַיעוואָסקי און רעדעס פון די אַדוואָקאַטען האָט דאָס געריכט בעשטימט פאַר ביידע פירמעס אַ געריכטס-נאַדזור און אָבגעלייגט זייערע צאָהלונגען אויף 3 חדשים, ד. ה. ביז'ן 24 ליפּיעץ ד. י.

גלייכצייטיג האָט דאָס געריכט בעשטימט אַלס געריכטס נאַדזאָרצא דעם ה' זיגמונט שטילער און אַלס ריכטער-קאָמיסאַר דעם קרייז-ריכטער וואָלאַדיסלאַוו פּאָל.

עס איז צו אונז געקומען די אָנגענעהמע בשורה, אַז זעהר פיעל פרוּיען האָט שוין אויספּראָבירט דאָס נייע מיטעל צו פּפלעגען די האָר, פון איטלענדישער אויסאַרבייטונג, א. נ. „קאַלאַנטיי'ס שעמפּונאַל" און זענען דערפון זעהר צופרידען. עס איז גאָר קיין וואונדער נישט, ווייל קאַלאַנטיי'ס שעמפּונאַל שטייגט אריבער מיט זיין קוואַליטעט די אויסלענדישע אויסאַרבייטונגען. אַ פּעקיל שעמפּונאַל קאָסט נאָרמאַל 40 גר., אָבער די געטרייע קונים פון דער זייף „קאַלאַנטיי מיט'ן וואַשבראַטיל" בעקומט צו יעדען קילאָגראַם זייף 1 פּעקיל שעמפּונאַל בחנם, און ביים קויפען אַ קלענערען קוואַנטום בעקומט מען אַ געהעריגען באָן. די זייף „קאַלאַנטיי מיט'ן וואַש-בראַטיל" מוט דער שעמפּונאַל - צוגאַב בעקומט איהר אין יעדען געוועלב.

„מכבי"-דאַנסינג.

זונטאַג, דעם 30 אַפּריל 8 אָוועגד קומט פאָר אין זאַל פון יודישען טורן-און ספּאָרט-פעראיין „מכבי" אַגראַדאָווא 8 דער ערשטער „מכבי"-דאַנסינג פאַר מיטגלידער און דורך זיי איינגעלאַדענע געסט.

פון „קולטור-ליגע".

פרייטאַג, דעם 21 אַפּריל איז אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12, פאָרגעקומען די גרינדונגס-פערזאַמלונג פון דער היגער אָבטיילונג פון דער געזעלשאַפט „קולטור-ליגע".

דעם טעטיגקייטס בעריכט גיט אָב ה חיים ברענער, וועלכער דערמאָנט צוו. אַנד., אַז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון די ה"ה דר. פּרץ און דר. לייזעראָוויטש איז אונטער'ן נאָמען „קולטור-ליגע" געשאַפען געוואָרען אַ יודיש קולטור-ווינקעל, אין וועלכען אונזער שטאָדט האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט.

דעם קאַסע בעריכט גיט אָב דר. לייזעראָוויטש.

נאָכדעם ווי עס ענטוויקעלט זיך אַ דיסקוסיע, ווערען די בעריכטען גענומען צו קענטניש און עס ווערט אויסגעוועהלט אַ פערוואַלטונג פון פאָלגענדע חברים: ח. ברענער, אינזש. ווילטשינסקי, דר. לייזעראָוויטש, מ. לעדערמאַן, אַדוו. מאַרקאָוויטש, דר. פּרץ און ראָזענפעלד. אַלס פערטרעטער: י. איזראַעלאָוויטש, דר. עפּשטיין און דר. קאַגאַן. רעוויזיר-קאָמיסיע: זבאַראָווסקי, קאַמינסקי און ראָזענטאַל. אַלס פערטרעטער: אַלטמאַן.

שבת דעם 22 אַפּריל ה. י. איז דורך דער היגער „קולטור-ליגע" איינגעאָרדענט געוואָרען אין אייגענעם לאָקאַל אַלעע 12 אַ פאָרלעזונג פון די ה"ה ד"ר סטעפאַן קאַן און ד"ר ווינבוים א. ד. ט. „די רעגולירונג פון געבורט און דאָס איבערייסען פון שוואַנגערשאַפט". צוליב דער אַקטועלקייט פון דער טעמע און צוליב די פערזאָנען פון די פּרעלעגענטען האָט די פאָרלעזונג צוגעצויגען אַ גרויסען עולם, וועלכער האָט די חשוב'ע פּרעלעגענטען בעשאָנקען מיט וואַרימע אַפּלאָדיסמענטען.

מאָנטאַג דעם 24 אַפּריל איז פאָרגעקומען אין אייגענעם לאָקאַל אַלעע 12 די קאָנסטיטואירונגס-זיצונג פון דער היגער „קולטור-ליגע".

אַלס פּאָרזיצער איז אויסגעוועהלט געוואָרען ד"ר פּרץ; אַלס וויצע-פּאָרזיצער — אַדוו. מאַרקאָוויטש; אַלס סעקרעטאַר — ד"ר לייזעראָוויטש; אַלס קאַסירער — חיים ברענער; אַלס ביבליאָטעקאַר — אינזש. ווילטשינסקי.

פון „גוש" עבודה.

דער „גוש" אָרדענט איין מאָרגען שבת 2 פערזאַמלונגען געווידמעט דער 1-טער מאַי פייערונג און דער שקל-אַקציע. 5 אַ זייגער נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון בוראכאוו-היים, 7 אָוועגד אין לאָקאַל פון השומר הצעיר.

נאָטיצען וועגען אָמאָט. סצענע-אויפפיהרונגען.

.1

ארט. מוזיקאַליש - וואָקאַלישער אָוועגד פונ'ם קבוץ פון דער גערטנער-פערמע.

חלוציזם.

ס'איז שוין זעהר פיעל געשריבען געוואָרען וועגען טיפּ מענש, וואָס ענטוויקעלט זיך ביי אונז און טראָגט דעם נאָמען: חלוץ.

טייל בעזינגען זיין פאַנאַטישער איבערגעבענהייט, זיין גרייטקייט צו זעלבסטאָפּפערונג, אָהן וועלכען קיין שום גרויסע אידעע קען נישט רעאַליזירט ווערען; אַנדערע קריטיקירען, זענען נישט מסכים מיט זיין התנהגות, מיט זיין איינזייטיגע אויפפאַסונג פון לעבען, וואָס איז אַ בעגלייט-ערשיינונג פון יעדען קנאי—אָבער אַלע מוזען מודה זיין—קומענדיג פנים אל פנים מיט די דאָזיגע מענשען, אַז לגמרי אַ נייער טיפּ יוד שאַפט זיך, אַ טיפּ, וואָס זאָגט: דרשני!

ווען מיר קוקען זיך צו צו די צעהנדליגער און הונדערטער צופיעשטשעטע קינדער, וואָס רייסען זיך במתכון אַוועק פון זייערע בעקוועהמע היימען און וואַלגערן זיך פשוט ארום אין פרעמדע שטעדט, צווישען אונבעקאַנטע מענשען, טהוענדיג זייער עבודת הפּרך (אויב זיי בעקומען זי) מיט חדוה און טאַנצען מיט פרייד הונגערענדיג — בעקומען מיר רעספּעקט! כ'וועל נישט מגזם זיין, אויב כ'וועל זיך אויסדריקען אַז טייל מאָל—יראת-הכבוד.

און דער ערנסטער מענש, וואָס איז נאָכנישט איינגעטינקט אין די מ"ט שערי פּאָליטיק, צביעות און לעהרקייט, ווערט אויפגעפרישט, קומענדיג אין התקרבות מיט דעם דאָזיגען אָרימען, אָבער מיט חדוה אַדורכגענומענעם, לעבען.

ער פיהלט אַ געוויסע דערהויבונג אין דער דאָזיגער פשטות און ערפּרישונג—אין זייער התלהבות: הייסט דאָך, אַז ס'זענען נאָך פערהאַן אין אונזער גרוי, פערשמינקעוועט (מיט צביעות און פּודער) לעבען, הערצער, וואָס קלאַפּען שטאַרקער פאַר אַ געוויסער אידעע, און דער עיקר—ס'זענען דאָ יונגע מענשען, וועלכע זענען עלול צו קומען לידי שכחה פאַר געוויסע שטרעבונגען!

* *

אָט די דאָזיגע התלהבות'דיגע בעציהונג פונ'ם חלוץ-טיפּ צו דער נאַצ. בעפרייאונגס-אידעע, אין וועלכער זיין לעבען טובל'ט זיך פשוט, איז געקומען צום אויסדרוק אין פיעל נומערן פון דער אויפפיהרונג, וואָס איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען דורך די חלוצים פון דער אָרטיגער גערטנער-פערמע. בעזונדערס אין די קאָלעקטיווע נומערן, וואָס מאַנכע פון זיי האָבען געמאַכט אַן'אימפּאָנירענדען איינדרוק צוליעב זייער דינאַמיק, נישט - געקינצעלטער פּאַטעטישקייט און האַרמאָניע.

דער ערשטער נומער „על נהרות בבל" האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקען רושם. מענשען, וואָס פערנעמען זיך נישט ספּעציעל מיט קונסט און זענען פעהיג אַרויסצורופען ביים צושויער אַ אינערליכען ציטער, מוזען פערמאָגען פייער און גלויבען אין די אַרויסגעזאָגטע ווערטער. הערענדיג די הייליגע שבועה פון די אַמאָליגע פערטריבענע יודען ביי די טייכען פון בבל:

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני.
תדבק לשוני לחכי, אם לא אזכרכי;
אם לא אעלה ירושלים על ראש
שמחתי!

אויסגעהאָמערט מיט פּאַטאָס און ווייטאָג האָט אַ בעהאַלטענע סטרונע אין האַרץ אָנגעהויבען ציטערען. דאָס איז דער בעסטער סימן פאַר דברים היוצאים מן הלב!

און טראָץ געוויסע נישט פּונקטליכקייטען אין דער כאַראַקטעריזאַציע (וואָס ס'האָט זיך אויך בעמערקט אין די ווייטערע נומערן) און מאַנכע בעוואָרענישען בנוגע דער אינסצעניזאַציע פון דאָזיגען נומער, האָט ער שטאַרק אויסגענומען.

דער זעלבער ריטם, פּאַטאָס זענען געווען אין די איבריגע קאָלעקטיווע נומערן, בפרט אין „ציגיינער לאַגער" און „בני בונים" (בעזונדערס אין ערשטען) און די אויספיהרער האָבען כשר פערדינט די אָוואַציעס.

דאַגעגען שוואַכער זענען געווען די נומערן, וואָס זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך יחידים, ווי: „שני חסידים", „כ'האָב פאַר דיר קיין מורא" „מאָטיל".

ס'איז אַן'אַלטער אמת, אַז אפילו דער גרויסער קינסטלער פיהלט זיך בעסער און ס'געלונגט איהם בעדייטענדער, בעת ער קען זיך אויסלעבען אין זיין ראָל, ווען ער גיט ווירקליך דעם עולם אַ שטיק פון זיין איך (ביישפּילען זענען איבריג, קל-וחומר — אַמאַטאָרען.

דעריבער וואָלטען מיר געראַטען, אַז אויב די חלוצים ווילען אונז ווייטער מהנה זיין מיט אויפפיהרונגען—וועלכע וועלען געוויס אויפגענומען ווערען נאָך מיט מהנה וואַרימקייט—זאָל דער עיקר בעלעגט ווערען אכט אויף די קאָלעקטיווע סצענעס, ווייל דאָרט איז זייער שורש און פון דאָרט דאַרפען זיי ציהען די יניקה.

אָבער טראָץ די אויבענדערמאָנטע בעמערקונגען איז די פאָרשטעלונג אַלס גאַנצעס געווען זעהר געלונגען. און מיר וואָלטען געוואָלט די דאָזיגע סימפּאַטישע חברה זעהען וואָס אָפטער!

.2

„לאַלקע פון זאַקס. פּאָרצעלאַן"
אַ פּאַבעל-אָפּערעטע פון גערסאָן-דאַמבראָווסקאַ, אויפגעפיהרט דורך
די קינדער פון דער קאָעד. שולע פון ז. וויינשטאָק.

אַ געוואָגטער שריט! צונויפנעמען 70 קינדער, פיצעלעך און אַראַנזשירען אַזאַ אימפּאָנירענדע פאָרשטעלונג.

כ'בין געזעסען, צוקוקענדיג צו די פאַרביגע, זאָרגפעלטיג - אויסגעפיהרטע סצענקעס און געטראַכט:

פאָרשטעלונגען פון דעם מין האָבען דאָך אַ גרויסע ערציהערישע בעדייטונג: דאָס לעבען אונזערס איז אומעטיג און שווער. מיר דאַרפען זיך שוין פשוט מיט די פויסטען אַדורכשטופען, אום צו פערנעמען אַ געוויס אָרט. דער ענין פון טאָג-טעגליכען קיום ווערט וואָס אַ טאָג קאָמפּליצירטער. מיר טאָרען אָבער נישט פערלירען דאָס גלייכגעוויכט אינ'ם ווירוואַר פון לעבען.

איינס פון די הויפּט מיטלען בייצוקומען די דאָזיגע שוועריגקייטען און נישט פערלירען זיך אין דאָזיגען לעבענס-פּלאָנטער איז געוואָגטקייט, דרייסטקייט.

אָבער די דרייסטקייט איז שווער צו בעקומען, ווען מ'ענטוויקעלט זיך שוין. זי דאַרף איינגעוואָרצעלט ווערען אין קינד פון די פריהסטע יאָהרען, צוגעוואוינען עס צו קוקען דעם לעבען אין פנים אריין, ווייזען בהדרגה'דיג די שוועריגקייטען און איינצייטיג פערוואָרצלען דעם דרייסטקייטס-געפיהל.

כ'בעטאָן דרייסטקייט און נישט קיין חוצפה, ווייל פון דרייסטקייט ביז חוצפה איז אַ קליינער מרחק.

דעריבער האָבען טאַקי עהנליכע פאָרשטעלונגען אַן'ערציהערישע בעדייטונג. מיר געוואוינען דאָס קינד צו געוואָגטע שריט און צו קאָנטאַקט מיט מענשען, מיט וועלכע עס וועט מוזען אַמאָל קומען נעהנטער און בעקענען פון אַנ'אַנדערער זייט אויך...

צוקוקענדיג זיך מיט הנאה ווי די קליינע עופה'לעך האָבען אויסגעפיהרט זייערע ראָלען זאָרגפעלטיג און מאַנכע פון זיי אפילו זעהר געלונגען (ווי לענטשנער אַלס לאַלקע, מאַס אַלס פּיעראָט א. ז. וו.) האָב איך נישט געקענט משיח דעת זיין פון דער ענערגיע, געדולד און אויסדויער פון דער שולע-לייטערין, צוטרעטענדיג מיט אַזאַ צאָהל (אָהן ע"ה) קינדער צו אַ סצעניש-קאָמפּליצירטע אויפפיהרונג (מיר דאַרפען נעמען אין אכט די אונגעהויערע שוועריגקייטען רעזשיסעריש צו „צעמענטירען" מאַסען-סצענעס מיט אַזאַלכע קינדער)

נור שטאַרקע ליבע צו די דאָזיגע יונגיטשקע קינדער קען געבען געדולד און אויסדויער אויסצופלערנען און אויפפיהרען שהנליכע זאַכען. און דעריבער פערדינט די לייטערין פּרל. ז. וויינשטאָק אָהן ספק ווערטער פון טיפער אַנערקענונג פאַר איהר מיהפּולער, אָבער צוגלייך פּראָדוקטיווער און ערציהעריש-וויכטיגער אַרבייט.

פ. בלומענקראַנץ

יורען, ברידער!

די היטלעריסטישע בעסטיע האט געענדערט איהרע מעטאדען, אנשטאט דעם עפענטליכען קאמף געגען יודען, וואס האט ארויסגערופען א ספאנטאנע פראטעסט-אקציע פון דער גאנצער ציוויליזירטער מענשהייט, האט די נאצי-באנדע גענומען לייקענען פאר דער וועלט, וועלכע האט זיך מיט עקעל אבגערוקט פון די היטלעריסטישע בארבארען, אז עס קומען פאר רדיפות געגען וועלכע די מיטעלאלטערליכע אינקוויזיציע איז געווען א קינדערשפיעל. דער טרויריגער אמת איז אבער, אז שטילערהייט ווערט געפיהרט אן'אונברחמנות-דיגער קאמף געגען די 600.000 דייטשע יודען.

אונזערע ברידער אין דייטשלאנד ווערען סיסטעמאטיש פערהונגערט! 600.000 דייטשע יודען זענען דורך חיות אין מענשליכען געשטאלט פעראורטיילט געווארען אויף אן'אונבעדינגטען הונגער-טויט.

די דייטשע בארבארען בעגניגען זיך ניט בלויז מיט זייערע קרבנות אין דייטשלאנד אליין. שוין מעלדען די צייטונגען, אז די היטלער-לייט ארגאניזירען די אנטיסעמיטישע בעוועגונג אין דער גארער וועלט. היטלער האט זיך פערמאסטען צו פערניכטען דאס גאנצע יודישע פאלק. די אנטיסעמיטען אין דער גאנצער וועלט זוכען און געפונען ביי איהם שטיצע און הילף,

די עקזיסטענץ פון גאנצען יודישען פאלק איז אין געפאהר; אונזער גלייכבערעכטיגונג, גלייכהייט פאר'ן געריכט, נאך מעהר, אונזערע מענשליכע רעכט זענען אין געפאהר. מיר מוזען צופאסען אונזערע קאמפס-מעטאדען צו די געענדערטע מעטאדען פון אונזערע בלוטיגסטע שונאים. נאך די גרויסע דעמאנסטראציעס מוזען קומען אונגעהויערע אנשטרענגונגען פון גאנצען יודענטום. דייטשלאנד מוז פיהלען, אז מיר זענען ניט הפקר; מען קאן ניט אונבעשטראפט אומברענגען הונדערטער טויזענדער יודען.

מיר פאדערען אייך אויף צום אבוועהר-קאמף און פראקלאמירען פייערליך: קיין יודישער גראשען פאר דייטשע סחורות, קיין איינציגער גראשען פאר אונזערע בלוטיגע שונאים!

יודען! ברידער! העלפט אונז אין אונזער קאמף און מיר וועלען זיעגען! אונזער גורל ליעגט אין אייערע הענד.

פעראייניגטער נאציאנאל-יודישער פראטעסט-קאמיטעט אין טשענסטאכאוו.

די ארגאניזיר - פערזאמלונג פון י.ט.ס.פ. „מכבי".

מיטוואך אווענד איז אין לאקאל פון יודישען טורן-און ספארט-פעראיין פארגעקומען די ארגאניזיר-פערזאמלונג פון ניי - געגרינדעטען ספארט - פעראיין „מכבי".

צו דער פערזאמלונג זענען געקומען אנ'ערך 200 מיטגלידער פון די דריי קלובען: י. ט. ס. פ., „ווארטא" און „אסכלה", וועלכע זענען צוגעטרעטען צו דער פעראייניגונג.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס אדוו. ל. אש, וועלכער גיט איבער פאר די פערזאמעלטע אלע אנגעגומענע בעשלוסען פון דער פעראייניגונגס-קאמיסיע.

אלס פארזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט ה' ש. ניעמיראווסקי, וועלכער פערבעט אלס ביזיצענדע די ה"ה: ד"ר קאגאן, גאלדמאן און ח. בירענהאלץ, אלס סעקרעטאר — פר"ל קאנטאר.

אדוו. אש לעזט די סטאטוטען, וועלכע ענטהאלטען עטליכע 50 פונקטען און ווערען דורך די פערזאמעלטע אנגענומען.

וועגען די מעטאדען פון דער ווייטערדיגער ארבייט רעפערירט ד"ר ל. גאלדמאן. דאן ווערט אנגענומען דער בודזשעט אין דער סומע פון 9500 זל. מיט'ן רעכט איבערצושרייטען מיט 25 פראצענט.

דורך א קלאמאציע ווערט אויך בעשטעטיגט די פערוואלטונג, וועלכע בעשטעהט פון פאלגענדע ה"ה: י. ראזענבערג — פרעזעס, ד"ר אש און ד"ר גאלדמאן — וויצע - פרעזעסען, אינזש. אלטער און פר"ל טריימאן — סעקרעטארען, שמאראגד — ספארט - לייטער, פייגע, וויס, אינזש. קיסין, עפראים, ראטבארד, פערענס, טייכנער, טיבערג, בירענהאלץ און ראזענצווייג.

ווייטער ווערט בעשטעטיגט די ליסטע פון פאטראנאט, וועלכע ענטהאלט 30 נעמען פון כלל-טהוער, ווי אויך די רעוויזיאנס - קאמיסיע און אנ'עהרען-געריכט.

נאכדעם, ווי עס ווערען נאך איבערגעוויזען דער נייער פערוואלטונג עטליכע פארשלאגען, ווי וועגען אויפלעבען דעם ארקעסטער א.ד.גל. שליסט דער פארזיצענדער ה' ניעמיראווסקי די פערזאמלונג.

פארלעזונגען וועגען היטלער'ן און גארגאן-פראצעס.

אין קינא „מוזא" (אלעע 43) ווערט הענריק פראך האלטען 2 פארלעזונגען שבת, דעם 29 אפריל א. ד. ט.: אדאלף היטלער" און זונטאג, דעם 30 אפריל אז ד. ט.: „גארגאן-פראצעס".

אנהויב פוןביידע פארלעזונגען 11 פארמיטאג. בילעטען פון 30 ביז 50 גר. ביים איינגאנג.

„די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „התאחדות".

דינסטאג, דעם 8 אפריל איז פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער ציוניסטישער ארבייטס-פארטיי „התאחדות".

אלס פארזיצענדער ווערט אויסגעוועהלט ה' י. קערנער, מזכיר פון כרוז הקבוצות ע"ש יוסף ויתקין, אלס סעקרעטאר ה' מאיר פאלק.

בעריכטען פון ועד גיבען איבער די ה"ה: פיינרייך, מ. י. בערלינער, דעם קאסע-בעריכט—ה' שווארצבוים.

עס גיבען נאך אב בעריכטען די ה"ה פייערשטיין, פערטרעטער אין ק. ק. ל.; איזשביצקי, פערטרעטער אין דער ליגע פאר'ן ארב. א"י, לאזשנאזש פערטרעטער אין „החלוץ".

עס איז געוועהלט געווארען א ועד פון פאלגענדע חברים: שווארצבויך, מ. ר. שטרויס, לאזשניאזש, קראמאלאווסקי, פייערשטיין, יוסף דאנציגער און פיינרייך. פערטרעטער: שונדער, שטיינהארט, סרעבניק.

רעוויזיאנס-קאמיסיע: נאדעלמאן, פאטאק, בערלינער.

דער אבטרעטענדער פערוואלטונג איז אויסגעדריקט געווארען אבסאלוטאריום.

פונ'ם לעגיאן א. נ. פון בערעק יאסעלעוויטש.

דעם 26 ד. ח. האט די פערוואלטונג פון לעגיאן א. נ. פון בערעק יאסעלעוויטש בעשלאסען אנצוהויבען איהר טעטיגקייט.

איינשרייבונגען פון יוגענד אין עלטער פון 16—21 יאהר הויבען זיך אן דעם 30 ד. ח. פון 10—12 און דעם 2 און 4 מאי פון 8—9 אווענד אין אייגענעם לאקאל, אלעע 12, לינקע אפיצינע, 1 שטאק.

פון יוד. טורן-ספארט-פעראיין „מכבי".

די לייכטאטלעטישע סעקציע עפענט איהר סעזאן מארגען שבת 11 פארמיטאג מיט א פעראיינס-קווער-פעלד-לויף צוגענגליך נאר פאר מיטגלידער פון פעראיין אויף א דיסטאנס פון 4 קילאמעטער. דער סטארט און מעטע ווערט פארקומען פאר דער קלעפארניע.

מיטוואך, דעם 3 מאי נעמען די לאנג - שטרעקען - לויפער אנטייל אין קווער-פעלד-לויף איינגעארדענט אין צוזאמענהאנג מיט דעם נאציאנאלען יו"ט דורך דעם שטאדטישען קאמיטעט פאר פיזישער ערציהונג.

שבת, דעם 6 מאי ארדענט איין דער י. ט. ס. פ. „מכבי" א מאנשאפטס-קווער-פעלד-לויף, צו וועלכען עס זענען געווארען איינגעלאדען פאלגענדע קלובען: בריגאדא, וויקטאריא, 27 פ.פ. הארצעזש, סטזשעלעץ. יעדע מאנשאפט בעשטעהט פון 6 לויפער. פרטים קומען.

די באקסער-מאנשאפט פון „מכבי" פאהרט ארויס דינסטאג, דעם 2 מאי קיין קאטאוויץ צום רעוואנזש-מעטש מיט'ן דארטיגען ב. ק. ס. 29.

פון „התאחדות".

שבת, דעם 29 ד. ח. האלב 4 נמ. קומט פאר א רעפעראט פון ח מ. ר. שטרויס א. ד. ט.: „שטרעמונגען אין ציוניזם".

למען האמת שטעלען מיר פעסט, אז די בעקאנטע פירמע „שיכט-לעוועה" אקצ. געז. אין ווארשא" איז אן'אינלענדישע אונטערנעהמונג און געניסט נישט פון דייטשען קאפיטאל. געמיינזאמע אינטערעסען בינדען זי נאר מיט אן'ענגליש-האלענדישען קאנצערן.

אלערליי אויסארבייטונגען פון דער פירמע „שיכט לעוועה", ווי אויך די אנגעהעריגע צו איהר פירמע „סאטורניא", זענען פון פוילישע פאבריקען אין ווארשא (פראגא) און טשעביניע (ביי קראקא), זענען דאדורך אויסשליסליך אינלענדישע אויסארבייטונגען.

Kino „Atlantic"
Z Byrdem do Bieguna
אינטערעסאנטער פילם פון דרום-פאל
— און —
KRWAWY ODWET
מיט גארי קופער.
פרייזען פון 25 גראשען.

מעלענכאם! ראטעוועט אייער געזונד!
אהן בלוט און אהן מעסער! היט אייך פאר פערקריפלונג!
קימט עס זאל נישט זיין צו שפעט!

ליידענדע אויף פערשידענע געברעכליכקייטען און קערפער-פערקרימונגען-רעטונג, הילף, רפואה פאר ברוך-קראנקע מענער, פרויען און קינדער — פערנאכלעסיגט אייך נישט, ווייל דער ברוך ווערט גרויס ווי א מענשען קאפ און דער א וואסער-קאן און קען זיין לעבענס-געפעהרליך אין ברענדיג ווערען. איך נעם אויף ליידענדע: 1) בראכען, בויכברוכען, נעבערם-פוטער-ברוכען און העגגע-ברוכען, 2) פערקרימטע פלייצעס (הויקערס), לעהמונגען, אלערליי פוס-פערקריפלונגען, פאר פרויען מיט געשוואלענע פוס—גומענע זאקען, פאר פעט-לייביגע ספעציעלע גומענע באנדאזשען, וואס מאגער די פיגור. דער קראנקער ווערט געהאלפען מיט ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען און פיזיאטעראפישע מאסאזשען. פאר פערקרומטע פלייצעס—קארסעטען און ארטאפעדישע אפאראטען ווי אויף גימנאסטיק.

אויב איהר ווילט אייערע יאהרען אויסלעבען אהן אפעראציעס, ווענדעט אייך צו דער אויסלענדישער ספעציאליסטין, וועלכע בעזיצט א 20-יעהריגע פראקטיק און איז געקומען נאך טשענסטאכאו אין בלייבט נאך אויפ'ן פערלאנג פון טשענסטאכאווער פובליקום און פון דער פראווינץ אויף א לענגערען אויפענטהאלט און נעמט אן

א גאנצען טאג אין האטעל קאליסקי, פילסודסקי 1, צימער 8.

דיר. ראפאפארט.

פעסערקונג: צוליעב דער זעהר שווערער צייט זעהר בילינע פרייזען.

דיפלאמען האבען אויסגעשטעלט פאלגענדע אוניווערזיטעטס-פראפעסארען: פראפ. ד"ר באראנטש, פראפ. ד"ר י. מארישלער, פראפ. ד"ר בר. קסראנאחסקי און אויך אנדערע.

פון בארכאווער היים.

מארגען שבת, דעם 29 ד. ח. 5 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אנ'אויסערגעוועהנליכע פערזאמלונג מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג: 1) ערשטער מאי, 2) שקל אקציע.

ראטעוועט דאס געזונד
די בערימטסטע ערצטליכע וועלט - פערזענליכקייטען האבען פעסט בעשטעלט, אז 75 פראצ. קראנקהייטען ענטשטעהען צוליב אבסטרוקציע.
א קראנקער מאגען איז די הויפט-סיבה פון ענטשטעהען פון מערש. קראנקהייטען, פערגיפט דאס בלוט און שאפט א שלעכטע שטאף-וועקסלונג.
די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט Zioła z gór Harcu Dr. Lauera ווי דאס האבען בעשטעטיגט די פראפ. פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר מארטין, ד"ר האכפלעטער און א סך אנד. בעדייטענדע דאקטוירים, זענען אנ'אידעאל מיטעל געזונד צו מאכען דעם מאגען, בעזייטיגען די אבסטרוקציע (פעררטונג), איז א גוט רייניגונגס-מיטעל, פערלייכטערן די פונקציעס פון די פערדייאונגס-ארגאנען, פערשטארקען דעם ארגאניזם און דערוועקען דעם אפעטיט.
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera בעזייטיגען די ליידען פון די לעבער, נירען, גאל-שטיינער. העמאריד-ליידען, רעוומאטיזם און ארטעריטיזם, קאפ-וועהטאג, אויסשיטען און לישאיעס.
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera זענען געווארען בעשאנקען אויף די ערצטליכע אויסשטעלונגען מיט די העכסטע אויסצייכנונגען און גאלדענע מעדאלען אין באדען, בערלין, וויען, פאריז, לאנדאן און אין אנדערע שטעט. ד"ר לאוער האט בעקומען טויזענדער דאנקזאגונגען פון אויסקורירטע. פרייז פון א האלב שאכטעל 1.50 זל., א גאנצע שאכטעל 2.50 זל.—פערקויף אין אפטייקען און סקלאד-אפטעקעס.

„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.

2 שעה אונאויפהערליך געלעכטער!
KINOMANJAK
ווי אזוי עס ווערט געמאכט די קאריערע פון א פילם-שטערן
אין דער הויפט-ראל האראלד לאיד.

ערשטער מוסטערהאפטער קלאנג-קינא
Nowości
לעצטער סעאנס 9-30 אווענד.
היינט און ווייטערע טעג.

דער שענסטער און וויציגסטער פראגראם פון סעזאן
W każdym porcie dziewczyna
אין דער הויפט-ראל אלבערט פרעזשאן.
אויסערדעם פאקס-קלאנג-וואך. שבת און זונטאג 12.15 מיטאג דאפעלטער פראגראם
„Huragan" i „Mąż z urojenia".

Redaktor: Izrael Płockier — Wdaci B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleje